יורען, הטלפט די קרבנות פון די היטלעריסטישע רדיפות!

ציועלפטער יאָהרגאַנג.

№ 35

...opłacona ryczałtem. • פּרייז 20 גראָשן. • „CZENSTOCHOWER CAJTUNG".

Bibljot. Jagiellońska
Kraków
św. Anny 19

# טשענסטאָכאָווער צייטונג

אַנאָנסען-פּרייז פאַר 1 מילימעטער-שורה:
פאָרן טעקסט 40 גראָשן — נאָכן טעקסט 20 גראָשן
אין טעקסט 80 גראָשן.
[illegible]

ערשיינט יעדן פרייטאג.
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:
ערשטע אַלעע 6. — טעלעפאָן 201.

אַבאָנעמענט-פּרייז 1 נומער 20 גראָשן.
[illegible]
CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 201.
[illegible]

Piątek d. 25 sierpnia 1933 — ליכט-צינדען 6,2 — פרייטאַג, פ' שופטים ג אלול תרצ"ג.

## שטיצט די רעליגיעזע נאַציאָנאַלע חלוצים אין ארץ - ישראל דורך אייערע נדבות לטובת דעם „קרן החלוץ המזרחי"!

## שטיצט דעם „קרן החלוץ המזרחי"!



# PIJCIE ZNAKOMITE PIWA OKOCIMSKIE

**oraz niezrównane w smaku lemoniady wyrobu**

## REPREZENTACJI BROWARU OKOCIMSKIEGO w CZĘSTOCHOWIE.

**Towarzystwo Żydowskich Szkół Średnich i Powszechnych**
**w Częstochowie, Dąbrowskiego 7, tel. 11-58.**

## Zapisy i egzaminy do szkoły powszechnej trwają

**Specjalne metody wychowania i nauczania**
przez odpowiednio wykwalifikowane siły nauczycielskie.

**Szkoła Koedukacyjna i Przedszkole**
z prawami szkół państwowych
**ZOFJI WAJNSZTOKÓWNY**
**w Częstochowie, Aleja 20.**
przyjmuje zapisy do wszystk. klas i do przedszkola (dzieci od lat 3)
Egzaminy wstępne—systemem lekcyjnym—trwają.
Kancelarja czynna codziennie od 10—1 i od 4—6 po poł.
DLA NIEZAMOŻNYCH ULGI
(Języki obce, judaistyka, umuzykalnianie, gimn. rytmiczna. Podczas pogód lekcje w ogródku szkolnym).
Uwaga! W b. r. wprowadzony będzie komplet kursu 5 kl. gimn.
**KURSY JĘZYKOWE** aleja 20: angielski, niemiecki, francuski. Lekcje zbiorowe i indywidualne
Opłata mies. od **10** zł.
Kier. kursów: LEON WAJNSZTOK
abs. Uniw. Parysk.

**זונטאָג ד. 27 ד. ח. פּונקטליך 4 נאָכם.** קומט פאַר אין אייגענעם לאָקאַל, ב. יאַסעלעוויטשא 3
**די אַלגעמיינע פערזאַמלונג**
**פון „לינת הצדק".**
מיט'ן געהעריגען טאָג-אָרדנונג.

**Szkoła Powszechna Balbiny Wajnberżanki**
**I Aleja № 8.**
Egzaminy wstępne do wszystkich klas trwają.
Zgłoszenie przyjmuje kancelarja codziennie od 8—1.

**אכטונג שילער פון די אָווענד-קורסען ביי דער האַנדווערקער-שולע, גאַרנצאַרסקאַ 10-8.**
מיר זענען מודיע אַז אַלע פּערערגיסטרירטע שילער דאַרפען זיך שטעלען
**דאָנערשטאָג, ד. 31 ד. ח. 4 נאכמ. אין דער קאַנצעלאַריע.**
גלייכצייטיג מאַכען מיר אויפמערקזאַם די אַלע שילער, וועלכע האָבען זיך נאָכנישט פּעררעגיסטרירט, אַז זיי זאָלען דאָס טהון ביז'ן 31 ד. ח. און געגענפאַל וועלען מיר נישט זיין פאַראַנטוואָרטליך פאַר די פאָלגען.
די פערוואַלטונג.

**Koncesjonowane Przedsiębiorstwo Instalacyjne**
## Inż. Ignacy Finkelkraut
**Częstochowa, Katedralna № 7. Telefon 13-59.**
Wodociągi i kanalizacja. Wentylacje. Ogrzewanie centralne.
Urządzenia wody gorącej. Suszarnie przemysłowe.

**אכטונג!**
**אין הערינג = סקלאַד**
**M. R. Fiszel, Częstochowa, Aleja 1**
בעקומט מען ענגלישע פּאָסט-הערינג, ווי אויך האָ-לענדישע אויסלענדישע און נאָרוועגישע הערינג בעסטע קוואַליטעטן צו מעסיגע פּרייזן.

**א טיכטיגער און ענערגישער מענש קען געפונען בעשעפטיגונג אין אַדמיניסטראַציע „טשענסטאָכאָווער צייטונג".**
תיכף זיך צו מעלדען.

**Prof. Jadwiga Fajge**
wznowiła lekcje
**gry skrzypcowej.**
Al. Kościuszki 25

**די קאַפּעלושען = פּראַצאָווניע**
**פון י. שטשעקאַץ**
איז איבערגעטראָגען געוואָרען אויף
**קאַטעדראַלנע № 13**
(סטראַזשאַצקאַ 8)
נעמט אָן צו פאַסאָנירען, וואַשען, פּרעסען.
**צו זעהר ביליגע פּרייזען.**
געדענקט די אַדרעס:
**י. שטשעקאַץ, קאַטעדראַלנע 13**

**מ. ש. הירש'ס שולע**
**וואַרשאַווער № 8**
נעמט שוין אָן צום נייעם שול-יאָהר תּלמידים, צום יודישען אונטערריכט פון אָנפאַנג ביז תנ"ך און גמרא. פעהיגע ווערען געשולט אלס בעלי - קריאה (בעל-קורא) פון בעסטען טיפּ עפּ"י כללי הדקדוק.



**פון „תנועת תורה ועבודה".**
די וואָך ווערט דורכ'ן היגען סניף אונטערגענומען א זאמעל-אַקציע לטובת קרן החלוץ המזרחי. דער צוועק פונ'ם קרן החלוץ המזרחי איז צו פערלייכטערן און ערמעגליכען די עליה פון רעליגיעזע חלוצים נאָך א"י און עס איז צו האָפען, אַז אַלע וועלכע ווילען האָבען א רעליגיעזן ארץ-ישראל וועלען די אַקציע זעהר וואַרים מיט זייערע שפּענדונגען אונטערשטיצען.

שבת פ' שופטים 5 נאכמ. אין אייגענעם לאָקאַל, אלעע 5, א עונג שבת מיט'ן אנטייל פון ר' אברהם חנוך פינקעלשטיין א"א.

ההמשך של אספה - כללית תהיה במוצש"ק פ' שופטים בשעה 8.30.

SUDOR PŁYN
POT i NIEMIŁĄ JEGO WOŃ USUWA

צו דער חתונה פון פרל.
**העלא שילדינגער** מיט ה' **מאָריץ בערקאָוויטש**
ווינשט א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
אלי' אולעזשאַלקאַ און פרוי.

צו דער חתונה פון אונזער חבר
**משה בערקאָוויטש** מיט פרל. **העלא שולדינגער**
אונזער הארציגסטען מז"ט און א גליקליכע צוקונפט ווינשען
ישראל טיבערג, נטע זלאָטניק.

צו דער חתונה פון מיין חבר **משה בערקאָוויטש** מיט פרל. **העלא שולדינגער** ווינש איך זיי פיעל גליק אין זייער צוזאַמענלעבען
אברהם וואַלדבערג.

צו דער חתונה פון מיין פריינד **משה בערקאָוויטש** מיט פרל. **העלענא שולדינגער** דעם הארציגסטען מזל-טוב און אייביגע צופרידענהייט ווינשט
יודל וואַידיסלאַווסקי

Z okazji zaślubin p. HELENY SZULDYNGERÓWNY z p. MAURYCYM BERKOWICZEM życzą im wiele szczęścia i różowej przyszłości
Abram i Jakób Helberg.

**Dorota Biberówna** — **Jakub Fiszer**
ZAŚLUBIENI
Częstochowa, w sierpniu 1933 r.

צו דער חתונה פון ה' **יעקב פישער** מיט פרל. **דאָראָטא ביבער**
א הארציגען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט.
די עלטערן ווינשען מיר פון זיי צו דערלעבען פיעל נחת.
פאמיליע ב. באַטשאַן.

צו דער חתונה פון אונזער פריינד **יאַקוב פישער** מיט פרל. **דאָראָטא ביבער**, ווינשען א הערצליכען מזל-טוב און א גליקליכע צוקונפט
יצחק פליגעלמאַן און יעקב לאָסאַצקי.

Z intencji zaślubin mych szan. przyjaciół p. Doroty Biberówny z p. Jakubem Fiszerem życzę Im różowej przyszłości, a Rodzicom wiele pociechy.
Lipman Kopiński.

צו דער חתונה פון פרל. **מאַניא שאַיאַ** מיט ה' **לעאָן גראָסבערג**
ווינשט א הערצליכען מז"ט און א גליקליכע צוקונפט.
ליפּמאַן גליקסמאַן.

**נאָך פּאַלעסטינאַ** 2 אויספלוגען אָבפאָהר 26 סעפּטעמבער, 10 אָקטאָבער.
פּרייז 600 זל. צוזאַמען מיט'ן פּאַס און וויזע. באַלדיגע איינשרייבונגען נעמט אָן:
P. B. P. „Francopol" Warszawa, Mazowiecka 9
די צאָהל פּלעצער איז בעגרעניצט. tel. 206-73, 286-30.

**URODONAL**

Zwalcza reumatyzm podagrę piasek sklerozę
czyści nerki oczyszcza wątrobę i stawy łagodzi arterje i zwalcza otyłość
Do nabycia we wszystkich aptekach i skł. apt.
Przedstawicielstwo Warszawa, Fredry 4.

# ווי משוגענע הינט.

„מיט דער היטלער-שייקע דארף מען זיך רעכענען, ווי משוגענע הינט" — אזוי האט הויך פראקלאמירט פאר דער גאנצער וועלט דער פארשטעהער פון צווייטען אינטערנאציאנאל וואנדערוועלד.

מען קאן מיט זיי נישט פאלעמיזירען, מען טאר זיך נישט אריינלאזען אין קיין וכוחים, ווייל דאס איז א באנדע משוגענע הינט.

וואנדערוועלדע, כאטש ער איז א סאציאליסט, איז ער אבער אנ'אייראפעער אין פולען זין פון ווארט, און אויב ער האט זיך דערלויבט דאס צו זאגען הויך און אפען, איז עס גוט אדורכגעטראכט און מען קאן זיין זיכער, אז דאס איז ביי איהם נישט קיין פראזע, נאר זיין טיפע איבערצייגונג.

דער זעלבער סאציאליסטישער אינטערנאציאנאל האט פראקלאמירט א באיקאט אויף אלע דייטשע סחורות. און זאל מען האפען, אז די ארגאנאיזירטע ארבייטערשאפט וועט דעם בעפעהל מקיים זיין.

„קיין איין אנשטענדיגער מענש טאר נישט קומען אין בעריהרונג מיט די דייטשע חיות" — האט זיך אויסגעדריקט א גרויסע יודישע פערזענליכקייט.

סעמיועל אינטערמייער, וועלכער האט זיך אומגעקעהרט פון דער יודישער באיקאט - קאנפערענץ, האט ערקלערט. אז „זיין אויפגאבע וועט זיין אויפצופאדערען 120 מיליאן מענשען, צו פערטרייבען דייטשלאנד פון ארטיגען מארק. א דעגענעראט איז יעדער מענש, יוד אדער קריסט, וואס האנדעלט איצט מיט דייטשלאנד און גיט צו שטייער אויף ברויט פאר יענע וויסטע כוליגאנעס אין יונקער-לאנד".

דער האנדווערקער - קאנגרעס, וועלכער איז פארגעקומען די וואך אין ווארשא, האט אויך אנגענומען א רעזאלוציע צו באיקאטירען דייטשע אויסארבייטונגען.

דער צענטראלער קאמיטעט פאר דער אנטי-היטלעריסטישער ווירטשאפטליכער אקציע אין ווארשא האט נאכאמאל ארויסגעלאזט אנ'אויפרוף צו די יודישע סוחרים וועגען פערשארפען דעם באיקאט,

אין דער היינטיגער צייטונג וועט איהר אויך געפינען אנ'אויפרוף פון היגען פאראייניגטען אנטי-היטלער קאמיטעט וועגען באיקאט, און דערביי ווערט יעדער אויפגעפאדערט צו מעלדען וועגען איטליכען פאל, ווען יודישע סוחרים וועלען וואגען צו קויפען דייטשע סחורות.

אויך אין אנדערע לענדער ווערט גערעדט און מען פראקלאמירט די באיקאט-אקציע, פונדעסטוועגען האט עס דערווייל נישט קיין שום ווירקונג, די דייטשע משוגענע הינט פערשטארקען נאך מעהר זייער אכזריות געגען יודען.

וואס איז די סיבה?

לויט אונזער מיינונג, איז דער דאזיגער באיקאט נאך אלץ אין סטאדיום פון ארגאניזירען. מען רעדט אלץ נאר וועגען איהם, פאקטיש אבער איינגעפיהרט אין לעבען איז ער נאך נישט.

און זאל מען זיך נישט גענארען, האבען דען אפילו בלויז די יודען פון דער גאנצער וועלט שוין איבערגעריסען זייערע בעציהונגען מיט דייטשלאנד? ניין און נאכאמאל ניין; און דאס איז אונזער גרויסע שאנדע, אונזער גרויסער וועהטאג און געפאלענקייט

די גרעסטע אויסוואורפען האבען זיך געשטעלט ביים רודער פון א גרויסער מלוכה און אויף א העסליך-צינישען אכזריות'דיגען אופן ראטען זיי אויס דאס יודישע פאלק. מען רעדט וועגען באיקאט און נאך 7 חדשים צייט האלט מען נאך אלץ ביים אנהויב.

ווייסען דען נישט די יודען, אז וואס לענגער מיר שפילען זיך מיט די דאזיגע דעגענערירטע חיות, אלץ ערגער ווערט; דאס יודענטום אין דייטשלאנד געהט דערווייל אב מיט בלוט. און נישט בלויז אין דייטשלאנד — דער גאנצער אנטיסעמיטישער קורס, וואס האט זיך לעצטענס פערשפרייט אין דער וועלט און אויך ביי אונז, נעמט זיך פון דעמזעלבען היטלעריסטישען מקור.

שוין צייט, אז מיר זאלען דאס פערשטעהן. זאל מען זיין אביסעל ריהרעווודיגער, ווארום מיט'ן צוברעכען דעם היטלער - רעזשים, צוברעכט מען אונזערע שונאים אין דער גאנצער וועלט.

זאל מען האנדלען שנעל און ענטשלאסען, אזוי ווי מען טהוט עס מיט משוגענע הינט, מען דערשיסט זיי, כדי זייער גיפט זאל נישט פערשפרייט ווערען און אנדערע פערגיפטען.

ריכטיג איז דער אויסדרוק פון וואנדערוועלד'ן, די היטלער-רעגירונג איז א חברה משוגענע הינט און אלס משוגענע הינט דארף מען זיי טראקטירען.

ב—ן

# א מינוט פאר כל נדרי.

(ארום דעם פראגער קאנגרעס).

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט **ז. האבער.**

מ'מוז זיין שטארקער פון אייזען, מ'זאל עס דא קענען אויסהאלטען. א גערודער, א בהלה, אז גאט זאל שומר ומציל זיין. און טאמער מיינט איהר, אז עמיץ ווייסט דעם טעם פון לויפען אהין און אהער, האט איהר א ווילדען טעות...

ביים קאנגרעס-ביורא זענען פרעהאן יונגלעך און מיידלעך כחול הים. פרווט אבער און גיט עמיצען עפיס א פרעג, אדער פערלאנגט עפיס, ווייסט אייך קיינער נישט צו ענטפערן אפילו. זייט א סך יאהר שרייט מען, אז דאס פרעסע-ביורא ביים קאננרעס איז שלעכט ארגאניזירט. מ'קען קיינמאל נישט געוואויר ווערען עפיס צו דער צייט, די פרעסע-קארטען ווערען ארויסגעגעבען אין דער לעצטער מינוט און מ'שטעהט ממש קאפ אויף קאפ, איינער איז דורס דעם אנדערן... און ביי יעדען קאנגרעס זענען דיזעלבע „מאכערס", וואס ארבייטען שוין אזוי, אז ס'זאל אפנים האבען ווי חוזק און די זשורנאליסטען זאלען פערזאגען קינדס-קינדער צו קומען נאכאמאל צום קאנגרעס.

איצט האט דאס פרעסע-ביורא אבגעטהון א שטיקעל, וואס איז נאכנישט געהערט געווארען אויף קיין שום קאנגרעס. פאר יעדער פרעסע-קארטע האט מען געמוזט אבצאהלען א שטייער פון 10 קראנען. אויב עמיץ וויל עפיס שרייבען איבער'ן קאנגרעס, מוז ער צאהלען א „טאקסע" און וויל מען האבען די אפיציעלע בעריכטען, וואס די עקזעקוטיווע האט ארויסגעגעבען און וועלכע זענען דערצו געדרוקט געווארען, מ'זאל זיי מפורסם מאכען, מוז מען ווידער צאהלען „אקציז" 10 קראנען. האבען טאקי די היגע צייטונגען געמאכט א ויצעקו און האבען געשריען, אז דאס פרעסע-ביורא טויג אויף כפרות... האפען נעביך די יודישע זשורנאליסטען, אז פאר זיי וועט אויך שוין בעסער ווערען. אויב די גוים שרייען, אז ס'איז שלעכט, אפשר וועט מען איצט די יודען אויך גלויבען...

די פערשידענע פארטייען האלטען אב זייערע אסיפות און אויף די דאזיגע קאנפערענצען זעהט מען קלאר ווי ווייט די שנאה הערשט צווישען די פארטייען און אפילו אין די איינצעלנע גרופען צווישען זיך...

ביי די אלגעמיינע ציוניסטען למשל, האט דר. שווארצבארט, דער פרעזידענט געוואלט עפנען מיט א יודישער רעדע די אסיפה, האט ער געכאפט א מיאוס'ען פסק פון באגראמשאוו און אנדערע, וואס האבען געהאלטען אין איין שרייען: עברית, אזוי לאנג, ביז דר. מאסינזאהן האט געמוזט עפנען די אסיפה מיט א העבראישער רעדע. דערנאך האט ד"ר גאטליב פון ווארשא אריינגעטראגען א רעזאלוציע, מ'זאל בכלל אויפלעזען דעם פערבאנד פון די אלגעמיינע ציוניסטען... האט ער ווידער בעקומען זיין פסק...

שטיל און רוהיג פערהאלטען זיך בלויז די לינקע, וועלכע האלטען אלע זייערע אסיפות בסוד סודות. אויך פון די מזרחי הערט מען גארנישט. בלויז זשאבאטינסקי'ס גרופע איז לעבעדיג. עטליכע טעג האט מען אין פראג גערעדט דערפון, אז די טשעכישע רעגירונג וויל זשאבאטינסקי'ן נישט געבען קיין איינרייזע-ערלויבעניש. די אלע ידיעות זענען פאלש געווען. זשאבאטינסקי איז אנגעקומען קיין פראג זונטאג ביינאכט און פון דער מינוט אן איז טאג און נאכט געווען „פערמאנענץ-דינסט" אין זיין גרופע. יעדעס מאל איז ארויסגעקומען א נייער „ביולעטין„ „פון דעם פיהרער". היינט מאנטאג אינדערפריה האט ער אבגעהאלטען „אנ'אפעל" מיט זיינע לייט, אין וועלכען ער האט פערלאנגט, אז ס'זאל זיין רוהיג און שטיל אויפן קאנגרעס.

„וועלען מיר פאלען, זאלען מיר פאלען מיט כבוד"...

א האלבע שעה, איידער דער קאנגרעס האט זיך געעפענט, זענען אלע זשאבאטינסקישע דעלעגירטע אריינמארשירט אין מיליטערישע שריט אין זאל אריין. פריהער עטליכע דעלעגירטע, אנגעטהון אין ברוינע העמדלעך, דערנאך זשאבאטינסקי און נאך איהם ווידער עטליכע ברוינהעמדעלדיגע. בשעת אט דער מיליטערישער טרופ האט אריינמארשירט, האט א גרויסער עולם געלאראעמט „פוי", „פוי"... די לינקע האבען תיכף זיך בעוואפענט מיט רויטע נעלקען...

עס ווייזט אויס, אז ס'וועט פארט נישט אבגעהן אזוי רוהיג, שטיל, ווי מ'מיינט. די לופט איז צו שטיקענד און מ'שפירט אט אט וועט קומען דער גרויסער מבול...

בנוגע זשאבאטינסקי'ן איז דא פערשפרייט א וויץ, דער בעסטער, וואס איז ביז איצט געמאכט געווארען אין די קולוארען פונ'ם קאנגרעס. בשעת דער יונגערמאן אין קאנגרעס-ביורא, האט איבערגעגעבען זשאבאטינסקי'ן זיין דעלעגאטען-קארטע, האט ער איהם געזאגט:

„צערייסט זי געזונטערהייט, פאניע זשאבאטינסקי"...

ווייצמאן, זאגט מען, איז אין קארלסבאד, אויב מ'וועט איהם בעדארפען, קען מען איהם טעלעפאנירען...

אין די גאסען ארום דעם הויז, וואו די ערעפנונג וועט זיין, זענען פול מענשען. דער זאל, וואס נעמט ארום פינף טויזענד מענשען (ער ליגט דריי שטאק טיעף אונטער דער ערד) קען בלויז אויפנעמען א טייל פון די וואס ווילען זיין ביי דער ערעפנונג. האט מען אבגעדינגען א טעאטער( וואס געפונט זיך אין שכנות און מ'האט דארט געמאכט לויטשפרעכערס, אזוי אז מ'וועט קענען דארט הערען אלץ, וואס ס'טהוט זיך אין זאל.

אין זאל גופא מיט די גרויסע צוויישטאקיגע גאלעריעס איז קאפ אויף קאפ, אלעס אויסגעפוצט יום-טוב'דיג מיט פרעהליכע פנימ'ער און מ'ווארט...

אט, אט הויבט זיך אן דער קאנגרעס.

ס'פעהלט בלויז נאר נאך איין מינוט צו יענעם גרויסען היסטארישען מאמענט, וואס איז דער אינטערעסאנטסטער און דער שענסטער ביים גאנצען קאנגרעס...

נאר בלויז נאך איין מינוט...

פראג, ערב 18 קאנגרעס.

Dr. med.
BERNARD EPSTEIN
UROLOG
powrócił
Śląska 4 — Tel. 15-42
Godz przyjęć 9—10 i 4—7
po poł.

מאגען און געדערם-שטערונגען,
אנפאלען פון לייב-שמערצען, דאס פערהאלטען זיך פון אדער-סיסטעם, אויפגערעגטקייט, נערוועזיטעט, שווינדעל-געפיהל, אלגעמיינע שלעכט פיהלען זיך ווערען געלינדערט דורך 1 גלאז נאטירליך ביטער-וואסער FRANCISZKA JÓZEFA טעגל

17)

# די לעצטע טעג פון יהודה.

**היסטארישער ראמאן פון ה. פ. שומאכער.**

(פארטזעצונג)

ביי די לעצטע ווערטער האט גאבא זיך איינגעשטעלט אויף די שפיץ פינגער און זיך צולאכט.

— איצט, ליעבער פאטער, קאן איך שוין אליין ברויט פערדינען.

באסילידייס איז געקומען צו זיך און שטיל געפרעגט:

— וואס זשע ווילסטו פון מיר?

— זעהן וואס דו מאכסט, טייערער פאטער! פון גרויס ליעבע האב איך געפונען פאר נויטיג דיך צו ווארענען, כדי עס זאל דיר גוט זיין. עס געפונען זיך דאך נאך זעהר פיעל מענשען, וועלכע געדענקען באסילידייס'ן פון רוים און זיין פרוי לוקוסטא. אין רוים ווייסט מען דאך, אז דו האסט געגעבען אגריפינא דעם סם, מיט וועלכען זי האט פער'סמ'ט איהר מאן, דעם קייזער! ווען די רוימער זאלען וויסען ווער עס איז דער נביא פון כרמל, וואלט דא גאר עפיס נייעס פארגעקומען. נעראן האט דאך פערשפראכען טויזענדער רענדלעך פאר דיין קאפ. איצט איז גאבא גליקליך צו האבען א פאטער, וועלכער איז אזוי פיעל ווערט!

באסילידייס האט זיך געפיהלט ווי א מענש, וועלכען א קויל האט געטראפען. ער האט זיך ארומגעקוקט צו זעהן ווער עס איז נאך געקומען מיט'ן קארליק און אנגעטאפט די שווערד, וואס ער האט שטענדיג ביי זיך געטראגען.

— בערוהיג דיך, ליעבער פאטער, צו וואס דארפסטו די קינצען? צו וואס זאלסטו דערצערנען דעם קעניג אגריפא? ער ווייסט דאך, אז זיין טרייער דינער גאבא איז געגאנגען צום נביא פון כרמל און ווען ער וועט דערזעהן, אז זיין געליעבטער וויצלינג איז נישט צוריקגעקומען, וועט דעם נביא קיין גוטס נישט טרעפען.

גאבא האט אויפגעהערט צו שפאסען און ערנסט געזאגט:

— נענוג זיך געוויצעלט, זאג מיר נאר, צי ווילסטו פערדינען עטליכע גאלדענע רענדלעך? איצט דארף מען אויך נישט קיין געשמאקע שוואמען, איצט בין איך געקומען צו באסילידייס דעם נביא.

— זאג מיר פריהער, וואס דו ווילסט, אויב איך וועל קאנען...

— נישטא קיין זאך, וואס דו זאלסט נישט קאנען—האט גאבא געענטפערט— איך וויל אבער נישט שטעהן אויף דער זון, קום אין הייל אריין און דארט וועלען מיר רעדען.

א ווייל'ע האט דער נביא געצווייפעלט, קאן ער דען ענטדעקען זיינע געהיימנישען פאר דעם מענש, וועלכער איז פאר איהם א שרעקליך געפאהר.

גאבא האט דאס בעמערקט און שטיל געזאגט:

— איך ווייס, אז מיין פאטער האט ליעב גאלד. אויב דו וועסט הערען וואס איך זאג דיר, וועסטו קאנען גוט פערדינען. קום-זשע באלד, דען איך מוז וויסען צי דו ביזט גרייט צו ענטפערן אספסיינוס'ן אויף אלע זיינע פראגען!

ווען באסילידייס האט דערהערט דעם נאמען פון דעם רוימישען פעלדהערר איז ער געווארען אויפמערקזאמער, דען ער האט געוואוסט, אז אספסיינוס האט ליעב צו פרעגען ביי די נביאים וועגען דער צוקונפט. אויסער דעם איז גאבא טאקע געווארען איבער דער צייט איינער פון די נאהנטע מענשען ביי אגריפא. דער נביא האט זעהר גוט געקאנט זיין צייט און פון די איינצעלנע ווערטער, וואס ער האט געהערט איז פאר איהם קלאר געווען, אז דא האנדעלט זיך וועגען א וויכטיגען ענין, ביי וועלכען מען קען זעהר גוט פערדינען. פונדעסטוועגען האט ער אלץ זיך נאך נישט געקאנט בעשליסען אריינצולאזען דעם קארליק אין הייל אריין.

— אויב דו גלויבסט מיר ניט — האט גאבא געזאגט — דארפסטו דאך פערשטעהן, אז איך וואלט גאר קיין בעלן ניט געווען זיך איבערצוגעבען דיר אין די הענד אריין, איך האב אבער זעהר א וויכטיגען ענין מיט דיר צו רעדען. קום-זשע מיט מיר אין דיין קודש-הקדשים אריין, דען דו ביזט דאך א הייליגער מאן!

באסילידייס האט ענדליך איינגעשטימט און אראבגעגאנגען מיט דעם קארליק אין הייל אריין. גאבא האט זיך ארומגעקוקט און א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף זיין געזיכט.

— דער הייליגער ראב שרייט נאך אלץ — האט גאבא זיך צולאכט — מיר זענען דא אלטע גוטע פריינד. נאר ווי אייגענטליך ביזטו' אויב דו ביזט אריינגעפאלען צו אזא מענש ווי באסילידייס און דערצו האסטו נאך זיך ערלויבט אנצורופען נעראנ'ען קייזער...

דער ראב האט דערהערט דאס לעצטע ווארט און אויסגעשריען:

— עס לעבען דער קייזער!

גאבא האט זיך צולאכט.

— נעראן האט געגלויבט, אז דער ראב איז א שליח פון גאט איהם אלס קייזער צו זאלבען! פאר וואס זשע זאל אספסיינוס נישט גלויבען? נעראן האט דאך געלערנט ביים פילאזאף סענאקא און דאך האט עס איהם נישט געהאלפען. ווי עס ווייזט אויס וועט מיין פאטער בעוויזען, וואס מען פערלאנגט פון איהם!

באסילידייס האט שטאלץ געענטפערט:

— האב קיין מורא ניט, איך האב איצט אזאלכעס. וואס אפילי טענעקא וואלט אויך געמוזט גלויבען. גיב א קוק וועסטו זעהען!

ער האט אוועקגערוקט די פאראהאנג פון א ווינקעל און אויסגערופען:

— מרים!

גאבא איז געווען ערשראקען, דערהערענדיג דעם נאמען און מיט נייגיר געקוקט אויף דעם פינסטערן ווינקעל. פאר איהם איז געווען א יונג מיידעל, כמעט נאקעט געלעגען אויף א פעל פון א לייב. ווען זי האט איהר נאמען דערהערט איז זי אויפגעציטערט געווארען. גאבא האט פליסטערנד נאכגעזאגט דעם נאמען און פאר זיינע אויגען איז אויפגעשטאנען דאס בילד פון זיין אייגענער יוגענד.

— מרים!

ער האט קיינמאל ניט געוואוסט ווער זי איז און פון וועלכען לאנד זי שטאמט. פון דער גאס האט ער זי לוקוסטא געבראכט און זי אויפגעצויגען. דאס קינד איז דאמאלס אלט געווען 4 יאהר, דאס געזיכט איז געווען ווייס ווי מילך, די אויגען בלוי ווי דער ים, און לאנגע זיידענע האר, וועלכע האבען געבלישטשעט אויף דער זון ווי זילבערנע פעדעם.

ווי עס ווייזט אויס איז מרים געווען א קינד פון די גערמאנער, דען די עטליכע ווערטער, וואס זי האט גערעדט, זענען געווען אויף אנ'אונבעקאנטע שפראך.

ביידע קינדער האבען זיך גיך בעפריינדעט און מרים פלעגט הערצליך טרייסטען דעם ארימען גאבא, ווען דער פאטער האט איהם געשלאגען. ווען דאס מיידעל איז אונטערגעוואקסען פלעגט זי ביטער וויינען צוזאמען מיט איהר חבר, ווען באסילידייס האט איהם געבונדען מיט שטריק און איהם געשלאגען. אז אלע זענען ארויס פון שטוב האט מרים מיט איהרע ציינדלעך געביסען די שטריק און איהם בעפרייט. פערשטעהט זיך, אז באסילידייס האט זיי דערפאר נישט געשוויגען, קיין שום זאך האט אבער ניט געהאלפען. גאבא האט זיינע קלעפ רוהיג אריבערגעטראגען, ער האט נאר געליטען, ווען זיין מרים האט בעקומען געשלאגען.

מרים האט אבער אויך ניט געוויינט, זי האט קיין חרטה ניט געהאט פאר איהרע מעשים.

אט דאס זענען די זכרונות פון זיין יוגענד!

און איצט האט ער זי ווידער בעגעגענט, דאס איז דאך דער איינציגער שטראהל אין זיין לעבען!

מיט א אינערליכע בענקשאפט האט ער זיך געווארפען אויף די קניען און געדרוקט איהרע הענד צו זיין ברוסט.

(פארטזעצונג קומט).

י. ראזענבערג.

# דערקען דיין לאנד.

3.

## אויף דער ליניע.

באלד נאך פסח, ווען עס ווייזען זיך נאר א פאר ווארימע טעג, קען מען הערען אזעלכע שמועסען צווישען יודען אין ווארשא:

— וואוהין פאהרסטו דעם זומער?

— אויף דער ליניע.

— וואס, ווידער אויף דער ליניע?

— נו גוט, איך פאהר אויך אויף דער ליניע.

פאר ווארשאווער יודען הייסט די ליניע א גאנצע רייה זומער-וואוינונגען וואס ציהען זיך פון ביידע זייטען באהן-ליניע ווארשא—דעמבלין. די זומער - וואוינונגען הויבען זיך אן אין וואווער און ענדיגען זיך אין אטוואצק. אט דאס איז די ליניע.

איך האב ביז אהער געמיינט, אז בלויז ווארשא האט אזא ליניע. ס'איז אבער נישטא קיין נייעס אונטער דער זון. אזעלכע ליניעס האבען אלע גרעסערע שטעדט; אזאלכע ליניעס האט אויך גאליציען און די גרעסטע פון זיי איז די ליניע נאדווורנא—וואראכטא, וועלכע ציהט זיך כמעט אויף הונדערט קילאמעטער.

יעדע פאר מינוט שטעלט זיך אב דער צוג, כדי ארויסצולאזען דעם עולם לעטניקעס. אין פערלויף פון דריי שעה רייזע שטעלט זיך דער צוג אוודאי אב א צוואנציג מאל. צווישען די גאנצע רייה זומער - וואוינונגען געפונען זיך אייניגע גרעסערע ערטער און צווישען זיי די פערל פון די קארפאטען — יארעמטשע און וואראכטא.

פערהאן א שטעדטיל דעלאטין. פאר דער מלחמה האט עס געשפילט די ראלע פון א גאליציאנער טשעכאטשינעק. בעת דער מלחמה זענען די דארטיגע געביידעס פערניכטעט געווארען און איבערהאהל ס'איז יעצט אויפגעשטעלט געווארען א נייער בנין, איז ער אבער צו קליין, דאס ער זאל קענען אויפנעהמען א גרעסערע צאהל געסט.

יארעמטשע קאנצענטרירט אין זיך די גרעסטע צאהל געסט. דאס איז קליין-זאקאפאנע. זי פערמאגט א גרעסערע צאהל שעהנע און גרויסע האטעלען, פענסיאנאטען און צוקערניעס. דער עולם באדט זיך אין פרוט, בראט זיך אויף דער זון, קריכט אויף די בערג, טאנצט און שפילט אין קארטען.

זעהר אינטערעסאנט איז טאטארווו, ארומגערינגעלט צווישען זיבען בערג, אדער בעסער געזאגט, צווישען איין בארג, וועלכער האט זיבען שפיצען. דער בארג הייסט הרעבען (דער טייטש א קאם). דער דאזיגער בארג, ווי א סך בערג, האט זיך זיין לעגענדע: א בת - מלכה האט שפאצירט אויף דעם ארט, וועלכעס איז אמאל געוועזען א פעלד. זי איז בעפאלען געווארען פון א כשוף-מאכערין, פאר וועלכע זי איז ענטלאפען. יעדעס מאל, ווען די כשוף-מאכערין איז שוין געוועזען נאהנט און האט זי שוין געוואלט כאפען, האט די בת-מלכה אראבגעווארפען פון זיך טיילען פון איהרע מלבושים, כדי זי זאל קענען שנעלער ענטלויפען. ביי יעדן מאל אראבווארפען זיך א מלבוש, איז אויף דעם ארט אויסגעוואקסען א בארג און אזוי ארום איז זי ניצול געווארען פון דער כשוף-מאכערין. צוליעב די בערג פערמאגט טאטארווו א מילדערן קלימאט און איז דערפאר שטארק בעוואוינט.

דאס לעצטע און העכסטע ארט אויף דער ליניע פערנעמט וואראכטא. באלד נאך סטאניסלאוואוו הויבט זיך דער צוג וואס אמאל העכער און העכער, ביז איהר העכסטען פונקט וואראכטא, וועלכעס איז אלס וואוין - ארט דאס העכסטע ארט אין די מזרח-קארפאטען.

דער קלימאט איז דארט אן אנדערער, ווי אין די נידריגער-ליגענדע ערטער. בייטאג ברענט די זון און פארנאכט, ווען די זון געהט אונטער, איז שוין קאלט, אזוי, אז אהן א איבער-מלבוש טאר מען נישט ארויסגעהן פון דער היים.

ווי איך האב שוין פריהער דערמאנט, זענען יארעמטשע און וואראכטא די פערל פון די קארפאטען. אויב נאך יארעמטשע פאהרען הויפטזעכליך מענשען, וועלכע אחוץ פרישע לופט זוכען זיי נאך דארט א פארציע פערוויילונג און א סך, אפשר בלויז פערוויילונג, איז אין וואראכטא אומגעקעהרט — נאך וואראכטא פאהרען נאר מענשען, וועלכע ווילען פערגעסען אין דעם גאנצען טאג-טעגליכען לעבען מיט איהרע פריידען און ליידען און ווילען האבען א מגע ומשא, נור מיט דער נאטור און פאר וועלכע פערוויילונג איז גאר א נעבען זאך.

# נישט מיט ווערטער, נאר מיט מעשים.

(צו דער חגיגה, וואס איז פארגעקומען אין דער גערטנער - פערמע).

עטליכע צוואנציג יאהר עגזיסטירט אין טשענסטאכאוו די גערטנער-פערמע, וועלכע איז געגרינדעט געווארען דורך טשענסטאכאווער פילאנטראפען און איז געשטיצט געווארען א רייה יאהרען דורכ'ן יק"א.

די גערטנער-פערמע האט געהאט די אויפגאבע פונקט אזוי ווי די האנדווערקער-שולע, וועלכע האט געדארפט ערציהען א דור פון פראדוקטיווע בעלי-מלאכות, אויסצובילדען א דור פון יודישע ערד - ארבייטער אין פוילען.

פיעל גלגולים איז די פערמע אדורכגעגאנגען אין משך פון איהר עקזיסטענץ. דירעקטארען זענען געקומען און אוועק און א געוויסע צייט איז די פערמע זאגאר פערדינגען געווארען פריוואטע אונטערנעהמער, וועלכע האבען זי גאנץ גוט חרוב געמאכט.

אין לויף פון דער צייט איז דער כאראקטער פון דער פערמע איבערגעשאלטעט געווארען. אנשטאט צו ערציהען יודישע יונגעלייט אלס ערד-ארבייטער דא אין גלות, איז די פערמע געווארען א קיבוץ, א הכשרה-פונקט, וואס גרייט צו הלוצים, פיאנערען פאר א"י.

די יק"א שטיצט שוין לאנג נישט די גערטנער - פערמע, אויך די קהלה האט נישט קיין כח און דער עיקר — קיין געלד צו סובסידירען די אינסטיטוציע און זי מוז זיך אויסהאלטען מיט אייגענע כחות און א קליינע אונטערשטיצונג פון דער צענטראלע פון „השומר הצעיר".

וואס מעהר ארץ ישראל ווערט א פאקט אין יודישען לעבען, אלץ א גרעסערע בעדייטונג האט דער קיבוץ פאר דעם יונגען יודישען דור, וועלכער פערלאזט זיין היים, זיין פאטער און מוטער מיט אלע בעקוועהמליכקייטען און קומט אהער דא כדי זיך צוצוגרייטען עולה צו זיין קיין א"י.

צום היינטיגען טאג ווערט די פערמע פערוואלטעט בלויז פון דער יוגענד, א טייל אקערען, זייהען און פלאנצען און די איבריגע זוכען בעשעפטיגונג אין שטאדט, כדי צו פערדינען אויף חיונה פאר זיך און פאר זייערע קאמעראדען.

די ווירטשאפט אין דער פערמע איז אין משך פון בעל-הבית'עווען פון די פערשידענע דירעקטארען און פריוואטע אונטערנעהמער חרוב ומוזרב געווארען און ווען עס קומט אויס די חלוצים עפיס צוריק אויפצובויען, קומט עס זיי אן מיט נויט און שווייס, איבערהויפט ווען זיי האבען נישט קיין שום אונטערשטיצונג פון קיינעם.

איין זאך פערמאגען זיי אבער די דאזיגע יונגעלייט — אידעאליזם, וואס איז בעהויכט מיט געוואלדיגער עקשנות, זיי ווילען בשום אופן נישט אבטרעטען פון זייערע פאזיציעס און ביי די שווערסטע בעדינגונגען און גרעסטע מאטערנישען האלטען זיי אויס און זעצען פארט זייער אנגעצייכענטען וועג.

הונדערט און פערציג חלוצים זענען איצט פערהאנען אין קיבוץ און נאר א קלייגער טייל איז בעשעפטיגט ביי דער אייגענטליכער ארבייט אין דער פערמע, וועלכע גיט נישט בלויז זיי חיונה, נאר אפשר איז נאך פערהאנען א דעפיציט און נאר דורך דער ארבייט, וואס די חלוצים בעקומען אין גאס אדער אין פאבריק, גיט זיי די מעגליכקייט צו האבען לחם צר און מים לחץ.

אין צוזאמענהאנג מיט'ן אויפשטעלען אן אייגענעם בעקער-אויוועון איז פארגעקומען א חגיגה, א פייערונג אויף וועלכער עס זענען פערבעטען געווארען פארשטעהער פון אלע ציוניסטישע גרופען.

צווישען די אלע פערבעטענע געסט האט מען נישט געזעהן די יעניגע, וועלכע האבען מיטגעהאלפען צו דער ענטשטעהונג פון דער גערטנער-פערמע. צי דאס איז געווען א פערזעהן אדער א טענדענץ ווייס איך נישט, הכלל, מען האט זיך צונויפגעזאמעלט און מען האט בעגריסט און זיך בעגייסטערט, געהערט הויכע ווערטער און מען איז ארויסגעקראכען פון די כלים, ביז — ביז עס האט גענומען ס'ווארט דער פארשטעהער פון דער קבוצה ה' זאבלודאווסקי און האט גערעדט קלארע דבורים, וואס האט ניכטער געמאכט די בעגייסטערונג.

„מיר האבען אייך דא צונויפגערופען נישט כדי אריינצופאלען אין התפעלות נאר זיך אבצוגעבען א דין וחשבון פון אונזערע אויפטהוען און נאך מעהר פון אונזערע פערלאנגען. מיר ווילען ארבייט, מיר דארפען נישט קיין פילאנטראפיע, מיר האבען נישט קיין גרויסע פערלאנגען, מיר ווילען נאר האבען די מעגליכקייט אויסצוהאלטען כדי מיר זאלען קאנען פאהרען קיין ארץ-ישראל בויען דאס לאגד. און אויב איהר זענט ציוניסטען און ערקלערט ביי יעדער געלעגענהייט, אז איהר זייט איבערגעגעבענע ציוניסטען, דאן בעווייזט עס מיט טהאטען, וואס דארפען זיך אויסדרוקען אין געבען אונז בעשעפטיגונג אין אייערע פאבריקען.

אבער ליידער איז די לאגע אנדערש. מיר האבען 50 ארבייטסלאזע און נישט קוקענדיג, וואס מיר האקען אב די טהירען פון אונזערע פאבריקאנטען, גיט מען אונז נישט קיין בעשעפטיגונג.

אונזערע יודישע פאבריקאנטען זענען אונטער דעם איינדרוק, אז מיר יודישע ארבייטער זענען נישט אומשטאנד אויסצופיהרען די ארבייט אזוי ווי די נישט-יודישע ארבייטער, אבער דאס שטימט דאך נישט מיט דער ווירקליכקייט. ווער האט אין ארץ-ישראל געשאפען און געבויט אויב נישט מיר, ווער האט תל-אביב אויפגעבויט אויב נישט דער יודישער ארבייטער?

מיר ווילען ארבייטען. און דאס איז די איינציגע לאזונג פון טאג. איהר פערנעמט זיך מיט וכוחים וועגען קהלה און אנדערע ציוניסטישע שטרייטיגקייטען. מיר אבער האבען איין אויפגאבע צו פערווירקליכען דעם ציוניזם דורך ארבייט, און איהר אלע, סיי פון רעכטס אדער פון לינקס, אויב איהר זענט באמת ציוניסטען, דארפט איהר, מוזט איהר אונז מיטהעלפען דורך געבען ארבייט".

דאס זענען געווען די איינציגע אויפריכטיגע ווערטער, וועלכע זענען געהערט געווארען אויף דער חגיגה אין דער גערטנער-פערמע.

די דאזיגע יונגע-לייט זענען דער אנהויב פון א נייען דור, פון א נייער תקופה אין אונזער יודישען לעבען. זיי ווילען אראבווארפען פון זיך דעם גלות, נישט בלויז פיזיש, נאר אויך גייסטיג. זיי ווילען נישט דאס פולפלען זיך איבער א קצי של יוד. דער אלף און תיו פון זייער אני מאמין איז: דורך קאנסטרוקטיווע ארבייט אויפבויען א ניי, שענער לעבען אין ארץ-ישראל.

צו וואס די דאזיגע שענע ווערטער, אז דאס פערטראגט אוועק דעם ווינט. בעסער זאלען די אלע, וועלכע דערצעהלען אויף שריט און טריט וועגען זייער ציוניסטישען סענטימענט, זאלען זיי דאס בעסער בעווייזען מיט מעשים.

זאלען אט די דאזיגע הערן זייער ציוניזם פערווירקליכען דא אין גלות דערמיט, וואס זיי וועלען מיטהעלפען דורך געבען בעשעפטיגונג די יודישע חלוצים, און דערמיט וועלען זיי בייטראגען א גרויסען צושטייער צום אויפבוי פון ארץ-ישראל.

צו דעם אבער דארף מען נישט בלויז קיין שענע ווערטער, נאר מעשים!

ש. פראנק.

# וואס געהערט, וואס געזעהן.

## דער פחד האט גרויסע אויגען.

די לעצטע געשעהענישען אין אונזער שטאדט האבען ביי דער יודישער בעפעלקערונג געשאפען א נערוועזע שטימונג און ביים קלענסטען גערויש אדער אינצידענט, וואס קומט פאר אין גאס, ווירקט עס אזוי שלעכט אויף די נערווען, אז מען פערלירט די גלייכגעוויכט.

אט פערשפרייטען זיך נישט-געשטויגענע מעשיות וועגען ערמארדעטע יודען, וואס מען זאל האבען געפונען הינטער'ן בית-עולם און וועגען געשטאכענע און צוהרג'עטע, אזעלכע קלאנגען שאפען נאטירליך א פיינליכע שטימונג.

איך וויל נישט דערמיט זאגען, אז אלץ געהט כשורה. אוודאי האבען די היטלעריסטישע חיות אין געשטאלט פון אונזערע היימישע ענדעקעס לעצטענס אויפגעהויבען די קעפ און וועלענדיג טרעפען די רעגירונג פון מארשאל פילסודסקי, שלאגען זיי דערוויל פאר א כפרה מיט יודען, איבערהויפט האט זיך די דאזיגע מגפה אריינגעלאזט אין טשענסטאכובקע, וואו מען האט צעהנדלינגער יודען צושלאגען און פערניכטעט זייער פערמעגען. אויך האבען מיר א גערעכטע טענה צו די פאליצייאישע ארגאנען, וועלכע האבען נישט באלד אין אנהויב שארף רעאגירט אויף די כוליגאנישע ארויסטריטען, נאר דערלאזט די מכה גאנגרעניזירען און יעצט, ווען ס'האט זיך שוין אנגעזאמעלט א סך מאטעריע, וואס בעדראהט די פערגיפטיגונג פון גאנצען ארגאניזם, הויבט מען אן ערשט צו טראכטען וועגען היילען די מכה...

אלץ איז אמת, רבותי, און די אויפגאבע פון אונזערע פארשטעהער מוז זיין, צו שטעהן אויף דער וואך און בשום אופן נישט דערלאזען, אז די דאזיגע געשעהענישען זאלען ווערען א כראנישע קראנקהייט, זי מוז אויסגעווארצעלט ווערען מיט'ן שורש. און ווען דאס וועט נישט קענען ערלעדיגט ווערען דא אויפ'ן ארט, מוז מען אינטערווענירען ביי דער צענטראל-מאכט, כאטש, ווי עס איז שוין בעוואוסט, פיהרט אן מיט דער גאנצער אויספארשונג א פארשטעהער פון אויסער טשענסטאכאוו, וואס וועט די שולדיגע בעשטראפען. מיר, יודען, מוזען אבער זיין אבסאלוט געדולדיגער און נישט לאזען צושפילען אונזערע נערווען, ווארום אויב מיר וועלען נישט זיין קאלטבלוטיג, וועלען מיר שאפען א גרעסערע פאניק און דאס וועט בעשטימט פערערגערן די אזוי אויך טרויעריגע לאגע.

איך גיב זיך אב א דין-וחשבון פון אונזער קלאגענדיגען צושטאנד און עס איז טאקי זעהר שווער צו קומען און זאגען מוסר וועגען קאלטבלוטיגקייט, אבער עס איז פערפאלען, יודען זענען שוין געוואוינט צו ליידען און אונזער הייליגער חוב איז מיט אלע כחות די שרעק נישט צו פערגרעסערן, נאר ווי ווייט מעגליך זיך צו בעהערשען אין אונזער יעצטיגער לאגע, ווייל —

דער פחד האט גרויסע אויגען.

## די „דזשענטעלמענער".

אויף דער גאס, ווי אויך אין טשענסטאכוווקע, האבען גראסירט הינטערוועלט-יונגען, איז אונז געווען קשה: וואס האבען זיי צו אונז? וואס געהט זיי אן, צי יודישע סוחרים האנדלען יא אין טשענסטאכובקע אדער נישט, דערוויל האט זיך ארויסגעוויזען, אז הינטער זייערע פלייצעס שטעהט די טשענסטאכאווער „עליטע"—די „דזשענטעלמענער".

יודען צווישען זיך האבען אפילו געשמועסט, אז אזוי איז עס, עס האט זיך אבער דאך נישט געוואלט גלויבען אז די דאזיגע פיינע לייט, וועלכע געהן אן אין שטאדט פאר די פארנעהמסטע מענשען און אויף זייערע ליפען וועט איהר שטענדיג זעהען דאס שלאכעצקע שמייכעלע, מיט א „מאיע אושאנאוואניע" — זאלען זיין פערבינדען מיט די ערגסטע כוליגאנעס און אויסוואורפען פון דער אונטערוועלט.

ליידער האט זיך דאס ארויסגעוויזען פאר אמת. צום אויספארשונגס-ריכטער זענען גערופען געווארען א גאנצע רייה חשוב'ע בעלי-בתים פון אונזער שטאדט, ווי: אדוואקאטען, אפטייקערס, סוחרים, וועלכע האנדלען ביי יודען און יודען גיבען זיי גאר א סך צו לייזען, און אויסערליך מאכען זיי דעם איינדרוק פון דזשענטעלמענער. פאקטיש אבער האבען זיי אונטערשטיצט און געגעבען די איניציאטיווע צו די אלע ארויסטרעטונגען, און זיי, און נאר זיי זענען פעראנטווארטליך פאר דעם יודישען פערגאסענעם בלוט און חרוב נעווארענעם פערמעגען.

אין דער פרעסע געפונט איהר די נעמען פון די יעניגע, וועלכע זענען געבליבען אין ארעסט. עס זענען אבער פערהאנען אזעלכע, וועלכע זענען נאך „בלא יודעים", כאטש יעדער ווייסט ווער זיי זענען — די דאזיגע פיינע איידעלע חברה.

דערביי מוזען מיר אבער מאכען א קליינע בעמערקונג, אז מען מישט אריין מאנכע נעמען, וועלכע האבען נישט קיין שייכות צו דער גאנצער אפערע. דאגעגען זענען ווידער פערהאן אזעלכע סוחרים, וואס ווען א יוד קומט צו זיי אריין קויפען, ציהען זיי אויף זיך אן א ליעבענסווירדיג שמייכעלע און שפעטער נעמען זיי אנטייל אין גיבען דירעקטיווען, ווי אזוי די זעלבע יודען צו פערטיליגען.

ביי דער דאזיגער געלעגענהייט מוזען מיר אבער אויך אויפמערקזאם מאכען, אז מיר, יודען, טרייבען איבער אפיטעל. מען דערמאנט נעמען, וועלכע האבען צו דער גאנצער מעשה נישט קיין שייכות.

צום שאנד-סלופ דארפען זיי די דאזיגע כוליגאנישע היטלעריסטען געשטעלט ווערען, אט אונזערע כלומר'שטע „דזשענטעלמענער"!

## עס בלאזט דער שופר.

ראש-חודש אלול האט אונז געגעבען צו וויסען, אז ער איז געקומען אין שטעדטיל אריין און מען דארף זיך צוגרייטען.

דער פרומער יוד גרייט זיך צום חשבון הנפש, וואס ווערט געמאכט אין די ימים-נוראים, א סך-הכל פון גאנצען יאהר.

די חזנים גרייטען זיך די העלזער, כדי צו קאנען פערדינען א פאר גילדען פון זייער שליחי-צבור-ארבייט. אלע איבריגע יודען דערמאנען זיך, אז עס גרייט זיך דער הערבסט און דאן דער ווינטער, וואס לייגט זיך ווי א שווערע לאסט אויף אונזער לעבען.

דערוויל ווארימט נאך די זון און מען טרייסט זיך מיט דער האפנונג: אולי, אפשר, אפשר וועט מען נאך אריינכאפען א פאר ווארימע טעג, אבער דער שופר וועקט און דערמאנט אונז, אז עס קומען אן פארכטליכע טעג און מען דארף זיך צוגרייטען.

אונזער שטימונג איז שוין לאנג אנ-אלול'דיג און אפילו אין די הייסע תמוז-טעג, איז אונז געווען אלול'דיג, מיר שרעקען זיך א גאנץ יאהר און אונז איז אנגעזאלצען אויפ'ן געמיט.

אבער נישט געזארגט, יודען, מיר האבען שוין א סך „אלול'ס" אדורכגעלעבט און געבליבען א פאלק, וועלען מיר די היינטיגע אלול-שטימונג אויך אדורכלעבען און מיר וועלען ווייטער בלייבען דער עם הנצחי.

עס בלאזט דער שופר, אבער א יוד'ן איז ער מעהר נישט אימשטאנד אבצו-

# יודישע קהלה פייערט דעם 250-טען יאָהרצייט פון דער שחיטה אין אונגאַרן.

פון ע. פליישמאַן.

אין דער אַלטער יודישער שטאָדט אונגאַריש-בראָד, אין מעהרען (היינטיגע טשעכאָסלאָוואַקיען), האבען די יודען לעצטען כ"ב תמוז (זונטאג, דעם 16 יולי). מיט פייערליכע רעליגיעזע צערעמאָניעס געפּראַוועט דעם 250-טען יאָהרצייט נאָך איינעם פון די גרעסטע יודישע פערזענליכקייטען, דעם גדול בתורה, בעל-קבלה, לינגוויסט, כראָניקער, רייזענדער און ציון-טרוימער, ר' נתן נטע בן משה האַנאָווער-אשכנזי און אַנדערע יודישע מאַרטירער, מענער, פרויען און קינדער, וואס זענען אומגעקומען אויף קדוש השם, בעת זיי האבען געהאַלטען אינמיטען דאַווענען אין שוהל פון דער דערמאַנטער שטאָדט, דעם טאָג פון כ' תמוז תמ"ג (דעם 14 יוני 1683).

צו דער צערעמאָניע זענען געקומען א סך יודען פון די אַרומיגע שטעדט. דער עולם האט זיך בייטאָג פערזאַמעלט אין דער זעלבער אַלטער שוהל, וואו עס איז מיט 250 יאָהר צוריק פאָרגעקומען די שרעקליכע שחיטה. און נאָכדעם ווי מען האט געדאַוועגט מנחה איז דער גאַנצער עולם אוועק צו דעם פערצייטיגען בית-עולם, וואו עס געפינען זיך די קברים פון יענע קדושים דער שטאָדטישער רב ד"ר נירענבערגער און רבנים פון אַנדערע שטעדט האבען געהאַלטען הספדים און עס זענען אויך געזאָגט געוואָרען קינות, תפילות און סליחות, וואס זענען געשריבען געוואָרען טאַקי פון דעם גרויסען קדוש ר' נתן נטע, ביי וועמעס קבר דער יאָהרצייט איז געפייערט געוואָרען.

ווי א ביישפּיעל, ווי וועניג די מיינסטע פשוט'ע יודען זענען בעהאַוועגט אין אונזער גרויסער יודישער געשיכטע, ווייזט אָן די אין דייטש געדרוקטע יודישע וואָכענשריפט „יודישע פרעסע פון ווין–פרעסבורג, אַז די יעצטיגע יודישע איינוואוינער פון אונגאַריש-בראָד (אָדער ווי מען רופט איצט דאס שטעדטיל — אוי-בראָד), האבען בלויז געוואוסט, אַז אונטער דער דריי שפּיציגער מצבה, וואס געפינט זיך אויף זייער פערצייטיגען בית-עולם ליגט עפּיס א רב, וועמען זיי האבען צוליעב דעם אָנגערופען „דער דריי-קעפּיגער רבי!" „עפּעס א רב"–אין דער צייט ווען די אינטערעסאַנטסטע לעבענס-געשיכטע און מאַרטירערטום פון אָט דעם קדוש, וואס ליגט אונטער'ן דריי-עקיגען שטיין, איז בעשריבען אין די יודיש היסטאָרישע ווערק פון גרעץ, שטיינשניידער, ש. דובנאָוו און אַנדערע היסטאָריקער, ווי אויך אין א ספּעציעלען בוך אין דייטש פון ר. קויפמאַן אונטער'ן נאָמען: דער חורבן פון אונגאַריש בראָד" אין לעצטענס אויך אין די היסטאָרישע שריפטען פונ'ם יודיש-וויסענשאַפטליכען אינסטיטוט! ערשט דער דאָרטיגער ראַבינער ד"ר נירענבערגער און דער שוחט ר' יצחק געלב האָבען צוליעב דער גרויסער יאָהרצייט-פייערונג, דעם יעצטיגען זומער געמוזט אויפקלערען זייער קהלה, אַז עס האַנדעלט זיך דאָ נישט וועגען גלאָט א רב, נאָר וועגען דעם מחבר פון דעם בעריהמטען „שערי ציון". דאס בוך מיט ליידענשאַפטליכע, אין קבלה-גייסט געשריבענע, תפילות, קינות און סליחות, וואס איז זינט די צייטען פון דעם מחבר ביז צום היינטיגען טאָג, בענוצט און בענעצט געוואָרען מיט טרעהרען פון אומצעהליגע פרומע יודען אין אַלע טיילען פון דער וועלט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט, ביים פראַווען חצות און בעזונדער אין די דריי וואָכען, פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב.

ר' נתן-נטע האַנאָווער אשכנזי איז געבוירען געוואָרען אין אָסטראָג (אָסטראָה), וואָלין, פון וואַנען ער איז אין דעם שרעקליכען יאָהר פון גזירות ת"ח אין 1648, ענטלאָפען פון כמיעלניצקי'ס קאָזאַקען, צוזאַמען מיט דעם בעריהמטען גאון ר' שבתי כהן (ש"ך) און ר' אפרים כהן, מחבר פון שאלות ותשובות „שערי אפרים". דער ערשטער אָבשטעל פון ר' נתן נטע איז געווען אין מעזריטש. ער איז אָבער פון דאָרט אויך באַלד אַוועק און האט בעזוכט א רייה שטעדט אין פוילען, וואו ער האט געהאַלטען דרשות. פון דאָרט איז ער אַוועק קיין דייטשלאַנד, וואו ער האט אַרומגעוואַנדערט א צייט אַלס מגיד, ביז ער האט זיך בעזעצט אין אַמסטערדאַם, האָלאַנד, וואו ער האט אין דעם יאָהר 1653 אַרויסגעגעבען זיין בעריהמט היסטאָריש ווערק „יון מצולה" אין וועלכען ער האט געשילדערט די יודען-פערפאָלגונגען אין אוקראַאינע אין די יאָהרען ת"ח, ת"ט און תי"ב (1648, 1649 און 1652) און וואס ווערט אָנערקענט אַלס דאס וויכטיגסטע ווערק איבער יענעם פעריאָד פון דער יודישער געשיכטע, וואו דער מחבר ווייזט אויך אַרויס היבשע בעקאַנטשאַפט מיט דער אַלגעמיינער געשיכטע. אין דעם „יון מצולה" געפונען מיר שוין אָנ'אָנזאָג אויף זיין שפּעטערדיגען ציון-אידעאַליזם אין דעם, וואָס ער האט די גזירות ת"ח בעצייכענט אַלס די חבלי משיח און די ווירקונג פון אָט דעם ספר איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין א סך יודישע קהלות האט מען איינגעפיהרט איהם צו לייענען אין די יודישע טרויער-טעג, פון י"ז תמוז ביז תשעה באב. דער „יון מצולה" איז שפּעטער איבערזעצט געוואָרען אין דייטש, פויליש און פראַנצויזיש ווי אויך צוויי מאָל אין דעם דעמאָלטיגען האָלענדישען יודיש (קודם פון ר' משה בן אברהם, אמסטערדאַם, 1677. און דערנאָך פון ר' ישראל בן אברהם, וואַנדסבעק, 1738). דער בעוואוסטער יודישער שרייבער, אייזיק מאיר דיק, האט אין דעם יאָהר 1872 אַרויסגעגעבען דעם „יון מצולה" אין וואַרשאַ, מיט צוגעגעבענע בעשרייבונגען פון ווייטערע געשעהענישען אין אוקראַאינע ביז צו דעם יאָהר 1768.

אין האָלאַנד האָט ר' נתן נטע אויך אַרויסגעגעבען זיין ספר „טעמי סוכה" (אַמסטערדאַם, 1651), א דרשה וואס ער האט געהאַלטען איבער דעם יום-טוב סוכות, בעת ער איז געווען אין קראָקע.

שפּעטער איז ר' נתן נטע געוואָרען רב אין ליוואָרנא, איטאַליען, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט די גרויסע בעלי קבלה, ר' חיים פון אַלעפּא (א חבר פון ר' חיים וויטאל) דעם בעריהמטען תלמיד פון דעם גרויסען מקובל ר' יצחק לוריא און ר' נתן שפּירא פון ירושלים. אונטער זייער איינפלוס האָט זיך ר' נתן נטע איבערגעגעבען צום שטודיום פון קבלה און איז שפּעטער מיט זיי געפאָהרען קיין ווענעדיג, וואו ער האָט זיך בעקענט מיט די גרויסע מקובלים ר' שמואל אהובב, ר' משה זכותה (זאַקוטאָ) און ר' בנימין הלוי פון צפת.

צוליעב אומבעקאַנטע אורזאַכען האט ר' נתן נטע דערנאָך פערלאָזט איטאַליען און איז אַוועק קיין רומעניען, וואו ער איז געווען רב אין יאַסי און אין פאָקשאַני. צולעצט האט ער זיך בעזעצט אין אונגאַריש-בראָד, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען אַלס דיין און מגיד. דאָרט האט ער געלעבט און געווירקט ביז צו דעם שרעקליכען טאָג כ' תמוז תמ"ג, ווען די אַזוי-גערופענע קורוצען, די רעבעלען פון דאַמאָלסדיגען אונגאַרישען אויפשטאַנד, זענען אין פריהמאָרגען אַריין אין שוהל, וואו עס זענען געווען פערזאַמעלט מענער, פרויען און קינדער און וואו די יודען זענען געגאַנגען אָנגעטהון אין טלית און תפילין, דאַווענענדיג שחרית. די באַנדיטען האבען גענומען שעכטען רעכטס און לינקס. און אינמיטען פון אָט דער שוידערליכער שחיטה איז ר' נתן נטע געשטאַנען שמונה עשרה און געזאָגט זיינע תפילות. נישט אומקוקענדיג זיך אפילו וואס אַרום טהוט זיך, ווען דער קאָמאַנדיר פון דער באַנדע האָט דאס געזעהן, האט ער אָנ'אויפגעקאָכטער בעפוילען מען זאָל דעם רב'ס קערפּער צעשניידען אויף דריי טיילען. אָט דאס זאָל עס געווען זיין די אורזאַך פאַרוואס מען האט אויף זיין קבר געשטעלט א מצבה מיט דריי שפּיצען. דער זיג-זאַג אויף דעם דאָזיגען שטיין איז אָבער אויך א סימבאָל פון דעם אין א זיג-זאַג אָבגעלאָפענעם און אָבגעשניטענעם לעבען פון אָט דעם גרויסען יודישען מאַרטירער.

אויסער די אויבענדערמאַנטע ספרים האט ר' נתן נטע אין 1660 אַרויסגעגעבען אין פראָג (וואו ער האט מיט 2 יאָהר שפּעטער געדרוקט זיין „שערי ציון") זיין ווערק „שפה בערורה", א העברעאיש ווערטער-בוך פערטייטשט מיט דייטש, איטאַליעניש און לאַטיין. דאס ווערטער-בוך איז אין 1701 איבערגעדרוקט געוואָרען אין אַמסטערדאַם מיט א צוגאָב פון פראַנצויזיש.

א חוץ די אַלע געדריקטע ספרים זענען פון אָט דעם מערקווירדיגען רב איבערגעבליבען אין מאַנוסקריפּטען, די ספרים: „נטע שעשועים", א זאַמלונג פון דרשות „נטע נאמן", ערקלערונגען איבער דער קבלה פון דעם אר"י הקדש (ר' יצחק לוריאַ), „תוקף יין". א קבלה-אָבהאַנדלונג איבער פורים „יפי נוף", א קבלה פירוש איבער תהלים, און לויט דער מיינונג פון מאַנכע יודישע פאָרשער, איז ער אויך געווען דער מחבר פון דעם ספר „חיי עולם נטע".

צולעצט איז כדאי צוצוגעבען, אַז אין פערבינדונג מיט דעם יאָהרצייט נאָך אָט דעם גרויסען מאַרטירער האט די יודישע קהלה פון אונגאַריש-בראָד בעשלאָסען צו זאַמלען א פאָנד אויפצוהאַלטען זייער אַלטען היסטאָרישען בית עולם, אויף וועלכען אַרום 800 מצבות געפונען זיך נאָך אין א צימליך גוטען צושטאַנד און צו בעוואָרענען, אַז אָט די שטומע עדות פון א וויכטיגען קאַפּיטעל אין דער געשיכטע פונ'ם יודישען מאַרטירערטום זאָלען בלייבען אומצושטערט פאַר די קומענדיגע דורות.






שרעקען...

## קינדער, אין חדר אריין!

ס'האבען זיך געענדיגט די העכער 2 חדשים הפקר-פּיעטרישקע פריי-הייט און מען מוז צוריקקעהרען אין חדר, אין דער שולע אריין.

ווען מיר זענען געווען קינדער האָט אונז דאס חדר נישט געלאָקט, מיר האבען קיין וואַקאַציעס נישט געהאַט, די איינציגע פרייע שעה'ן אונזערע זענען געווען די ימים-טובים. מיר האבען געוואָלט, אַז זיי זאָלען דויערן וואס לענגער. די היינטיגע קינדער ווידער, וועלכע האָבען גאַנצע 2 חדשים זומער-וואַקאַציעס און אויך ווינטער-וואַקאַציעס, זענען העכסט צופרידען, אַז זיי ענדיגען זיך שוין און קאָנען געהן צוריק אין שולע אריין.

דעם פערגאַנגענעם מאָנטאג האבען טויזענדער קינדער, צווישען זיי אויך עטליכע הונדערט יודישע קינדער צום ערשטען מאָל איבערגעטרעטען די שוועל פון זייער שולע, פון דער ווערקשטאָט, פון וואַנען זיי שעפּען בילדונג, לעהרע און ווערען געוואויר פון דער גרויסער וועלט.

ליידער, ווען דאס יודישע קינד זיך דערוויסען וועגען א סך זאַכען, וואס וועלען זיין קינדעריש הערציל אָנפילען מיט טרויער. זיי וועלען געוואויר ווערען, אַז עס הערשען אויף דער וועלט שטאַרקע און שוואַכע און אַז גראָד זיי געהערען צו די שוואַכע.

עס פרעהט זיך דאָס האַרץ, זעהענדיג ווי תינוקות של בית רבן געהן מיט התמדה און חשק אין דער שולע אריין. עס פערקלעמט אָבער גלייכצייטיג דאָס האַרץ פאַר די יעגיגע קינדער, וועלכע זענען געבליבען אין דער גאַס און אויך פאַר די „גליקליכע" קינדער, וואָס וועלען אין דער שולע זיך דערוויסען, אַז זיי זענען יודישע קינדער און אַז זייער גורל איז אַנדערש ווי פון די קינדער פון אַנדערע נאַציעס.

## יודען פערכאַפּען אַלץ...

גלויבט מיר זיכער, אַז ס'איז גאָרנישט קיין וואונדער, וואס די קריסטען האבען אונז פיינד, אַז מיר פערכאַפּען אַלץ און מען לאָזט פאַר זיי גאָרנישט איבער...

איך וועל אייך באַלד דאס בעווייזען מיט א פאַקט:

אין טשענסטאָכאָוו זענען פערהאַנען עטליכע צוקערניעס (קיין איין יודישע צוקערניע איז נאָך אַלץ נישטאָ און ווען עס וואָלט יאָ חס ושלום געווען, וואָלט זי לאַנג נישט געקענט עקזיסטירען...) און ווער מיינט איהר פערנעמט דאָרט דעם אויבענאָן? — אחינו בני ישראל, פונקט אַזוי ווי למשל אין פוילישען טעאַטער זענען יודען די הויפּט-מחותנים.

שטעה איך אַזוי אַמאָל פאַר בלאַשטשינסקי'ס צוקערניע און קוק אריין איינצווייניג און בעוואונדער די שעהנע טעגך, וואס ווערען דאָרט אויסגעטאַנצט קוויק זיך אָן מיט די מוזיק, וואס ווערט געשפּילט, פערקוק זיך אויך אויף אונזערע שלאַנקע יודישע שוואַרץ אויגיגע פרייליינס. אינדעם לויפט אַרויס א פּאַרל, דאַכט זיך, א סטודענט מיט זיינס א פריילין און ער רעדט צו איהר מיט אויפרעגונג: כאַדזש, כאַדזש, טו סאָן סאַמי זשידזשי... און זיי זענען ענטלאָפען ווי פון א פייער אַרויס...

דעמזעלבען גורל האבען זיי מסתמא געטראָפען אין דער צווייטער צוקערניע ביי בלאַשטשינסקי'ן, אין דער דריטער צוקיערניע — „זשעמיאַנסקאַ" און ווער שמועסט אין גאַרטען ביי קאַרוזאָווסקי'ן, האָט ער דאָך אוודאי געהאַט א שוואַרצע מפּלה, טרעפענדיג בלויז יודען...

איז דען א וואונדער, אַז זיי האבען אונז פיינד, אַז יודען פערכאַפּען אַלץ...

## אַזוי דערצעהלען זיי...

צו אונז אין רעדאַקציע זענען געקומען עטליכע חסידים און דערצעהלט פאָלגענדע ממש אונגלויבליכע מעשה:

אויף גאַרנצאַרסקאַ 32 איז פערהאַן א ראַדאָמסקער שטיבעל. ווי אַלטע יודען דערצעהלען, איז דאס שטיבעל געגרינדעט געוואָרען מיט א הונדערט און דרייסיג יאָהר צוריק און דאָרט איז איצט גבאי א געוויסער מאיר שיף, זענען זיי שולדיג געבליבען אָנ'ערך פון 2 גילדען מיט 64 גראָשען פאַר וואַסער, זענען די בעלי-בתים אָנגעפאַלען אויף דעם גבאי און איהם געשלאָגען מכות רצח און געזירעלט מיט די ערגסטע אויסדריקען.

אַלס סימן, אַז זיי זאָגען דעם אמת האבען זיי מיטגעבראַכט דעם גבאי, וועלכער האט געהאַלטען אין איין קרעכצען און אָנגעוויזען אויף די פּיס, וועלכע זענען צוהאַקט געוואָרען דורך די בעלי-בתים.

עס איז אפילו שווער צו גלויבען אַזעלכע מעשיות, נאָר אַזוי דערצעהלען זיי...

## און נאָך דערצעהלט מען...

איך האָב אייך דערצעהלט אַיין מעשה, האט איהר באַלד א צווייטע, וואס איז ענליך צו דער ערשטער.

אויף וואַרשאַווער 34 וואוינט אַנ-אַלמנה מיט איהרע דריי טעכטער, וועלכע ערנעהרען זיך פון זייער שווערער אַרבייט, איז אָבער דאָרט א ווירט, אַנ'אויפגעקומענער גביר. וועלכער האַלט, אַז וויפיעל ער האט, איז אַלץ ווייניג, האט ער פערלאַנגט פון די אויבענדערמאַנטע לאָקאַטאָרען העכער דירה-געלד.

און ווען דאס געריכט האט דאס נישט צוגע'משפט, האט ער זיך נוקם געווען אויף אַנ'אָריגינעלען אופן. ער האט צוגעשיקט עטליכע שקצים, וועלכע האבען אַרויסגעריסען די טהיר, וואס פעראייניגט דעם קאָרידאָר מיט דער וואוינונג און זי אוועקגעטראָגען.

ווען די פרוי האט געוואָלט שטערען האָט מען זי מכבד. געווען מיט גוטע קלעפּ.

דער דאָזיגער טהאָט האט אַרויסגערופען ביי די שכנים א געוואַלדיגע אויפרעגונג.

ווען איך האָב געהערט וועגען דעם פאַל, האב איך נישט געוואָלט גלויבען, נאָר ווען איך האָב בעזוכט דאס אָרט פון פאַרפאַל, האט מען מיר בעשטעטיגט, אַז דאס איז, ליידער, אמת.

## א פערקעהרטע וועלט.

רעדט מען וועגען דעם, אַז מיר, יודען, זענען א טעמפּעראַמענט פאָלק און מיר האבען זיך ליעב נאָר אַרומצוקריגען, איבערהויפּט האָט דאס ליעב די יוגענד.

גיב איך א מיש אין מיין נאָטיץ-בוך זעה איך, אַז גראָד פערקעהרט, נעמען מיר למשל, די פערשידענע ויכטונגען, וועלכע בעשטעהן פון עלטערע מענשען, מיושב'דיגע יודען, פונדעסטוועגן קריגען זיי זיך אַרום מיט קולי קולות, דאַגעגען איז ביי מיר פערצייכענט, אַז גראָד די יונגע, די קעמפער פעראייניגען זיך גאָר.

אָט לעזען מיר, אַז צו די דריי פעראייניגטע ספּאָרט-קלובען, וואס רופט זיך היינט „מכבי", האט זיך אויך פעראייניגט דער ספּאָרט-קלוב „הכח" אַזוי, אַז אַלע ספּאָרט-קלובען אין טשענסטאָכאָוו שטעלען יעצט מיט זיך פאָר איין גרויסע פעראייניגטע אָרגאַניזאַציע. דאס זעלבע לעזען מיר פון ראַדאָמסק, אַז אויך דאָרט האבען זיך די צוויי יודישע ספּאָרט-קלובען „הכח" און „מכבי" פעראייניגט אין איין קלוב.

ווי איהר זעהט, שלאָגען זיך די עלטערע אַרום און די יונגע, איבערהויפּט די יעגיגע, וואס פערנעמען זיך מיט געבען א קלאַפּ, האבען זיך גאָר פעראייניגט.

אַז עס איז א פערקעהרטע וועלט...

## מען דאַרף דערצו נישט דערלאָזען.

ווי מען אינפאָרמירט מיך, האָט דער ספּאָרט-לייטער פון י. ט. ס. פ. „מכבי" ה' שמאַראַגד אַריינגעשיקט א רעזיגנאַציע-בריעף, אַז ער זאָגט זיך אָב ווייטער דאָרט מיטאַרבייטען.

ה' שמאַראַגד איז געווען איינער פון די אַקטיוויסטע טהוער פון יודישען טורן-און ספּאָרט-בעוועגונג און א דאַנק איהם איז ענטשטאַנען די באָקסער-סעקציע, וועלכע האָט געבראַכט כבוד דעם יודישען ספּאָרט-וועזען אין אונזער שטאָדט; אייך אויף אַנדערע געביעטען פון ספּאָרט האָט ער א סך געלייסטעט.

איצט האָט ער רעזיגנירט. פאַרוואָס?

כ'וואָלט זיך נישט אָבגעשטעלט אויף דעם גאַנצען ענין, ווייל סוף כל סוף קאָן זיך א געזעלשאַפט נישט רעכנען מיט א יחיד. אין דעם פאַל אָבער, איז די זאַך נישט אַזוי פשוט, ווייל די רעזיגנאַציע פון ה' שמאַראַגד זאָל זיך נעמען פון פערזענליכע אינצידענטען צווישען די פערוואַלטונגס-מיטגלידער.

מיר ראָטען די פערוואַלטונג פון „מכבי", אַז זי זאָל נישט דערלאָזען צו דער רעזיגנאַציע פון ה' שמאַראַגד, און סיי די פערוואַלטונגס-מיטגלידער, ווי אויך דעם ה' שמאַראַגד זאָגען מיר, אַז זיי זאָלען פערבויגען די קליינליכע פערזענליכע אמביציעס, כדי דאס יודישע ספּאָרט-וועזען ביי אונז אין שטאָדט זאָל דערפון נישט ליידען.

רבותי, מען דאַרף דערצו נישט דערלאָזען!

## איך מוז אויספיהרען גזירת המלכות...

טאָג-איין טאָג-אויס בעזוכט אונזער רעדאַקציע איהר מאַיעסטעט, די „קרולאָווא יאַדוויגאַ, די געקרוינטע מלכה פון ארץ-ישראל און פאָדערט מיך אויף בעקאַנט צו מאַכען אין איהר נאָמען דאס גאַנצע יודישע „פאָלק" אין טשענסטאָכאָוו, אַז אַלע געלטער, וואָס ווערען געזאַמעלט פאַר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל, ווי „קרן-קימת", „קרן-היסוד" און אַנדערע קרנות טאָרען נישט אויסגעצאַהלט ווערען אָן איהר וויסען. לכל הפחות זאָל מען וואַרטען ביז עס ווערט אָנקומען איהר ברודער פון וואַרשאַ — דער פינאַנס-מיניסטער.

היות, ווי איך בין א לאָיאַלער בירגער, און נאָך דערצו האָב איך מורא פאַר'ן צאָרן פון איהר „מלכות", טהו איך צוליעב די קעניגין און מאַך בעקאַנט אונטערטעניגסט איהר בעפעהל.

לויתן.

# אויפ'ן שפיץ מעסער.

## דזשאַנגלערישער ציניזם.

דער „גאַניעץ", וועלכער איז אמאָל געווען דער הויפט-אָרגאַן פון דער ענדעציע, האט געמוזט צוליעב „צוועקמעסיגקייט" אראָבלאָזען פון טאָן און איינגעהן אויף פשרות, געבען פון צייט צו צייט א שמייכעלע דאמאָלס, ווען עס ווילט זיך גאָר שטורמען.

מען קאן חס-ושלום נישט חושד זיין דעם „גאַניעץ" אין יודען-פריינדליכקייט, ווייל דער וואלף קאן פון זיין הויט נישט אַרויסשפרינגען. היות אָבער ווי די „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" פערנעמט זיך ספּעציעל מיט יודען - האס איז דער „גאַניעץ" במילא אַראָבגערוקט געוואָרען אויפ'ן צווייטען פלאַץ, דאָך אָבער לאָזט ער זיך פון צייט צו צייט הערען.

דאסמאָל לעזען מיר א „קאָמוניקאַט" פון די כ. ד. אונטערגעשריבען דורכ'ן טרויעריג-בעריהמטען העלד קאַרדיני, וואָס איז צוגעשיקט געוואָרען צום היגען סטאַראָסטאַ.

לייענען מיר דאָרט, ווי אַזוי די כאַדעקעס, וועלכע זענען אָנגעפילט מיט קריסטליכע ליעבע און פּרעדיגען אויף טריט און שריט דעם: ואהבת לרעך כמוך, פּעראורטיילען דאס בענוצען זיך מיט א מעסער, איבערהויפּט מיט א מעסער, וואס ווערט אריינגעשטאָכען אין א מענשען און דערביי נאָך ווערט דער מערדער געכאַפּט, וואָרום—לויט זייער טעאָריע דאַרף דער מערדער קאָנען אַנטלויפען. אויב ער איז אָבער א שלימזל און לאָזט זיך כאַפּען, מוז מען זיך פון איהם אָבשאָקלען.

הכלל, זיי פעראורטיילען רציחות, איז דאָך גוט, קומען אָבער עטליכע שורות שפּעטער, וועלכע לייענען זיך, אַז די כאַדעציע מוז גלייכצייטיג אויפמערקזאַם מאַכען די מאַכט, דאס דער זעלבער אַלטמאַן האט פערעפענטליכט אין דער „סלאָוואָ טשענסטאָכאָווסקאַ" אַרטיקלען, וואס בעליידיגען די קריסטליכע רעליגיע.

ווייסען זיי דען נישט, די העסליכע כוליגאַנעס, וואס פאַר אַלעמען איז קלאָר, אַז דאס מעסער האבען טאַקי זייערע אידעאישע חברים, די ענדעקעס, אריינגעשטעקט דעם מערדער מאַרקאָווסקי אין דער האַנד אריין און איהם געשיקט שטעכען דעם ה' אַלטמאַן, וועלכער האט נישט בלויז נישט געשריבען קיין אַנטי - רעליגיעזע אַרטיקלען, נאָר אפילו אנדערע אַרטיקלען אויך נישט. אלא וואס דען, זיי פּיהלען זיך אומבעקוועהם. די „סלאָוואָ" האט זיי געכאַפּט ביי דער האנד, ווילען אָט די דאזיגע העסליכע ציניקער זשאָנגלירען, אַז די פינסטערע מאַסע, אויף וועמענס נאַאיווקייט זיי שפּעקולירען, זאָלען נישט דערזעהן צו וואס די „קריסטליכע ליעבע" פון די כאַדעקעס דערפיהרט.

דעם „גאַניעץ" אָבער, פאַר'ן פערעפענטליכען אַזאַלכע „קאָמוניקאַטען" קומט א יישר כח, כדי מען זאָל נישט אריינפאַלען אין קיין טעות און מיינען, אַז ער איז געוואָרען מיט לייטען גלייך, נאָר וויכען, אַז ער געהער צו די זעלבע חברה צינישע דזשאַנגלער.

## צוויי חטאים...

טאָמער האבען מיר ווייניג די „גאַזעטאַ נאַראָדאָוואַ" מיט'ן „גאַניעץ" קאָן איך אייך פאָרשטעלען נאָך א ספּעציעל- „יודישע" צייטונג, וואס רופט זיך „האסלאָ פּאָדוואַוועלסקיע".

אויך די דאזיגע כוליגאַנישע צייטונג פערנעמט זיך אין איהר לעצטען נומער מיט יודישע פראַגען פון אונזער שטאָדט.

דער קאָפּ פון אַרטיקעל הייסט: „יודען זענען רייך און פאָלאַקען זענען אָרעם".

כדי דאס צו בעווייזען מיט ציפערען ברענגט ער פאָלגענדען פאַקט:

אין טשענסטאָכאָוו זענען פאַראַן אויף 120.000 איינוואוינער — 27.000 יודען, ד. ה. 22 פּראָצענט. ווען מיר זעהען אָבער וויפיעל יודען עס בעזוכען די צוקערניעס, ווייזט זיך אַרויס, אַז גאַנצע 67 פּראָצענט. איז דען דאס נישט א סימן, אַז יודען זענען רייך און קריסטען זענען אָרעם.

דער צווייטער חטא בעשטעהט אין דעם, וואס בלאַשטשינסקי'ס צוקערניע בעשעפטיגט אין אָרקעסטער 2 יודען, „זשעמיאַנסקע"—2 יודען, קאַזוואָווסקי— 2 יודען און גראַבאָווסקי אויך 2 יודען. און דאס איז א חטא, וואס מען קאָן נישט מוחל זיין, איבערהויפּט אין דער צייט, ווען איבער די הויפען געהן ארום קריסטליכע מוזיקאַנטען און שפּילען פאַר גראָשענס.

מילא, וועגען דעם, אַז יודען זענען רייך און קריסטען — אָרעם, ווישען מיר די הערען פון דער דאַזיגער צייטונג, אַז זיי זאָלען פערמאָגען דאס יודישע „עשירות" פון דער גאַרנצאַרסקע און קאַזשע גאַס.

וועגען דעם שטאַרקען בעזוך פון די יודען אין די צוקערניעס ווייזט, זענען זיי אפשר יאָ אביסעל גערעכט, זיי האבען אָבער פערגעסען אויך צו געבען א סטאַטיסטיק וועגען דעם גרויסען בעזוך אין די אַלערליי שענקען, פון וועלכע דער פּראָצענט - זאָך איז נישט קיין יודישער.

די „האסלאָ" בעשולדיגט אָבער די אַלע צוקערניע-אייגענטימער אומזיסט, וואָרום מיר ווייסען דאָך אַלע, אַז זיי טהוען דאס נישט אויס ליעבע צו יודען, נאָר ערשטענס דערפאַר, ווייל יודען קאָנען טאַקי שפּילען און ווערען נישט אינמיטען דערינען... שכור, והשנית: רעכענען זיי דאָך אויס אויף די בעזוכער, וועלכע זענען פאָרט יודען, וועמען מען ווארפט אַזוי-ארום צו א ביינדעל.

מיר געהט אָבער דאָ אין עפּעס אַנדערש, אויב די דאַזיגע צייטונגען פערנעהמען זיך אַזוי פיעל מיט אונז, איז א סימן, אַז מיר ליגען זיי גוט אין גרגרת, און נישט זיי קאָנען אונז אויסשפּייען און נישט אַראָבשלינגען, אָבער סיף כל סוף וועלען זיי זיך מוזען דערוואָרגען.

## אַנ'אמת'ער אידעאַליסט...

דער היגער אַפּטייקער קאַזורסקי לייזט א סך געלד פון יודען.

ער איז א גרויסער אָנהענגער פון יודישע קראַנקהייטען, דאס נוצט איהם צו דער פרנסה, וואָרום וואס מעהר קראַנקע יודען עס זענען פאַראַן, אַלץ מעהר לייזט ער.

און כדי ער זאָל מעהר לייזען פאַר רפואות בעמיהט ער זיך, אַז ס'זאָלען זיין וואס מעהר יודישע חולאים.

האָט ער זיך דער דאַזיגער קאַזורסקי געשטעלט אין דער שפּיץ פון דער חברה כוליגאַנעס, וועלכע בעפאַלען יודען און צושלאָגען זיי מכת רצח. לויפען שפּעטער דיזעלבע צושלאָגענע יודען צוט זעלבען קאַזורסקי און קויפען רפואות צוצוהיילען צו די זעלבע וואונדען, וועלכע זיי האבען בעקומען א דאַנק איהם.

זעהענדיג, אַז דאס געשעפט פּראָספּערירט גוט, האט ער בעשלאָסען צו אַרבייטען אינטענסיוו, אַז וואס מעהר יודען ס'וועלען צושלאָגען ווערען, אַלץ בעסער וועט פאַר איהם זיין.

ווער ווייסט ווי לאַנג דאס וואָלט אַזוי אָנגעהאַלטען, ווען נישט די פּאָליציי, וועלכע האט דעם אַפּטייקער פערבעטען אין חד-גדיא אריין און איהם געהייסען אָברוהען פון זיין שווערער אַרבייט.

ער אָבער פערטיידיגט זיך, אַז ער האט נישט אָרגאַניזירט די אָנפאַלען אויף יודען צוליעב געשעפט, נאָר צוליעב... אידעאַליזם.

נו, ווי געפעלט אייך דער נייער אידעאַליסט ?

סעם

# אָבגעווענדעט אַ גזירה, וואָס האָט געזאָלט איינגעפיהרט ווערען פאַר היגע יודישע שול - קינדער.

מיט'ן איצטיגען נייעם שול-יאָהר ווערען געעפענט דורך דער שול-מאַכט 6 נייע אָבטיילונגען פון די פּאָווסשעכנע שולען פאַר יודישע קינדער. צוליעב דעם אָבער, וואס אין די לאָקאַלען, וועלכע ס'פּערנעמען די יודישע פּאָווסשעכנע שולען זענען נישט פּערהאַן קיין פרייע זאַלען, האט אויף דער זונטאָג'דיגער פערזאַמלונג פון די לייטערס פון די פּאָווסשעכנע שולען, איינער פון די קריסטליכע קעראָווניקעס פאָרגעלעגט, אַז די 6 נייע יודישע אָבטיילונגען זאָלען לאָקירט ווערען אין דער שול-געביידע אויף דער יאַסנאַ גאַס און די עטליכע הונדערט יודישע קינדער זאָלען צוּוואָרפען ווערען איבער פערשידענע קלאַסען, אַזוי, אַז יעדע אָבטיילונג זאָל בעשטעהן פון געמישטע קינדער, ד. ה. יודישע און קריסטליכע.

דער דאַזיגער פאָרשלאַג איז גלייך אָנגענומען געוואָרען דורך דער פערזאַמלונג און האט געדאַרפט איבערגעשיקט ווערען צום שול-קוראַטאָריום אין קראָקע בעשטעטיגט צו ווערען. ס'פערשטעהט זיך, אַז דער דאַזיגער בעשלוס, ווען ער זאָל פון דער שול-מאַכט אַקצעפּטירט ווערען, וואָלט געוועזען א שווערע גזירה פאַר עטליכע הונדערט יודישע שול-קינדער און וואָלט געקענט ברענגען נישט געוואונשענע פאָלגען פאַר די קינדער. אויסערדעם וואָלט דאס געקענט שאַפען א פּרעצידענס אויף דער צוקונפט, אַז יודישע לעהרערס זאָלען אויסגעמיטען ווערען ביי פערנעמען די פּאָסטענס פון געמישטע אָבטיילונגען.

אויף דער זונטאָג'דיגער קהלה-זיצונג מיט דער בעטייליגונג פונ'ם רב, אויף וועלכער דער דאַזיגער ענין איז בעהאַנדעלט געוואָרען, איז דעריבער בעשלאָסען געוואָרען תיכף אונטערצונעמען געהעריגע שריט אין קראָקאָווער שול-קוראַטאָריום, אַז די דאַזיגע גזירה זאָל אָבגעוואָרפען ווערען און אַז ס'זאָל פאַר די נייע יודישע אָבטיילונגען געשאַפען ווערען א געהעריגער לאָקאַל.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט איז מאָנטאַג פריה אַרויסגעפאָהרען נאָך קראָקע ה' מענדיל אַש, וועלכער איז אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן נאַטשעלניק פאַר די ענינים פון די פּאָווסשעכנע שולען, ה' קאָבאַטשינסקי. ה' אַש האט דעם נאַטשעלניק אָנגעוויזען אויף די שעדליכע פאָלגען, וועלכע ס'קענען ענטשטעהן פאַר די יודישע קינדער, אויב דער דאַזיגער בעשלוס פון די קעראָווניקעס זאָל פערווירקליכט ווערען אין לעבען און דערביי פאָרגעלעגט א קאָנקרעטען פּלאַן, לויט וועלכען ס'קען געלעזט ווערען די לאָקאַל פראַגע פאַר די נייע יודישע אָבטיילונגען.

דער נאַטשעלניק האט זיך זעהר גינסטיג בעצויגען צו די אויספיהרונגען פון ה' אַש און ערקלערט, אַז היות ווי די הויפּט-ראָלע אין דעם ענין שפּיעלט די וואוינונגס-פראַגע, וועט ער דעם דאַזיגען בעשלוס איבערשיקען צו דער דעציזיע פון טשענסטאָכאָווער שול-אינספּעקטאָר, וועלכער קען די אָרטיגע בעדינגונגען און וועלכער דאַרף זאָרגען דערפאַר, אַז די לאָקאַל-פראַגע זאָל געהעריג ערלעדיגט ווערען.

דינסטאַג אין דער פריה האט דעריבער דער קהלה-פּרעזעס ה' ראָזענבערג צוזאַמען מיט ה' אַש בעזוכט דעם היגען שול-אינספּעקטאָר ה' ראָמאַן ביען און בעהאַנדעלט מיט איהם דעם גאַנצען ענין, איבערגעבענדיג גלייכצייטיג וועגען דער אינטערווענץ אין קראָקאָווער שול-קוראַטאָריום.

אין רעזולטאַט פון דאַזיגען בעזוך, האט דער אינספּעקטאָר ערקלערט, אַז כדי דעם גאַנצען ענין צו ערלעדיגען לטובת דער יודישער בעפעלקערונג, וועט ער, די שולע פאַר קריסטליכע קינדער, וועלכע געפינט זיך אויף דער אַלעע וואָלנאָשטשי 5—3, איבערטראָגען אויף דער יאַסנאַ גאַס און אויף איהר אָרט וועלען איינגעאָרדענט ווערען די נייע 6 אָבטיילונגען פאַר די יודישע קינדער.

אַזוי-אָרום איז א דאַנק דער שנעלער און ענערגישער אינטערווענץ פון דער יודישער קהלה אויסגעמיטען געוואָרען א שווערע פעראָרדנונג בנוגע יודען.

## די שטאָדט נעמט-איבער דאָס טעאַטער.

ווי מיר דערוויסען זיך, האט דער קעלצער וואָיעוואָדאַ ענדגילטיג אַקצעפּטירט דאס איבערנעמען דעם טעאַטער-בנין דורך דער שטאָדט.

אין די נאָהנטסטע טעג וועט די צייטווייליגע שטאָדט פּערוואַלטונג שליסען מיט דער קאָמונאַלער שפּאַר-קאַסע, וועלכע איז איצט אייגענטימערין פון דער געביידע, א געהעריגען קויף-אַקט און וועט איבערנעמען אין איהר בעזיץ דעם טעאַטער-בנין.

# קליינער פעליעטאָן.

## מיין שכן ישראל יודעל איז גערעכט...

מיט'ן אָנקומען פון ראש-חודש אלול האט זיך אין א שעהנעם פריהמאָרגען (וואס זאָל איך לייקענען, ס'איז גראָד געווען א רעגענדיגער טאָג) בעוויזען מיין שכן ישראל יודעל.

— שלום עליכם, דערפרעה איך זיך מיט איהם, וואו זענט איהר געוועזען אַזוי לאַנג. איך האָב זיך שוין פערבענקט נאָך אייך. אויך די „גאַס" האט זיך נאָכגעפרעגט אויף אייך. פאַרוואָס הערט מען גאָרנישט פון אייער שכן ישראל יודעל, האבען מיך מיינע לעזער אָנגעפרעגט.

— די גאַס?—זאָגט ישראל יודעל—איך האָב אייך טאַקי געוואָלט בעמערקען, אַז אין דער גאַס דרעהט זיך אַרום עפּעס א יוד, וועלכער האַלט אין איין שרייען, אַז ווען איהר שרייבט אין אייערע פעליעטאָנען וועגען אייער שכן ישראל יודעל, מיינט איהר גאָר איהם, טאָ זייט אַזוי גוט און שרייבט קודם-כל, אַז דאס יודעל פון גאַס זאָל זיך אָבטשעפּען פון אייך און וויסען, אַז ער איז נישט איין ישראל יודעל אין שטאָדט, און דער עיקר, אַז ער איז נישט אייער שכן, נאָר איך; איך, וועלכער וואוין שוין מיט אייך א רייה יאָהרען אין שכנות און וועלכער שמועס מיט אייך וועגען אַלע געשעהענישען פון דער וואָך, אַז איך בין דאס דער אמת'ער ישראל יודעל...

— איצט, פון וואַנען איך קום? — זאָגט ווייטער ישראל יודעל — פון אָסטראָוו. וועט איהר זיך דאָך פרעגען, ווי קום איך, א קבצן אין זיבען פּאַלעס קיין אָסטראָוו, מוז איך אייך זאָגען, אַז ווען איך וואָלט געהאַט געלד, וואָלט איך קיין אָסטראָוו נישט געפאָהרען, נאָר קיין קריניץ, טרוסקאַוויעץ, וואַראָכטאַ, אָדער לכל הפחות קיין פּראַג אויפ'ן קאָנגרעס. אין ערגסטען פאַל, וואָלט איך געזעסען אין שטאָדט, וואָרום איך וואָלט דאָך נישט געדאַרפט מורא האבען פאַר מיין ווירט, אַז ער וועט מיך קומען מאָהנען דירה-געלד. אַזוי אָבער ווי כ'האָב טאַקי קיין געלד נישט געהאַט, בין איך לאין ברירה געפאָהרען קיין אָסטראָוו, ווייל דאָרט האט מיר מרדכי פּעגנטאָקאָווסקי דערצעהלט, איז געגרינדעט געוואָרען א קאָמיטעט „סאַמאָפּאָמאָץ", וואס זוכט אויף די אָרימע לעטניקעס און פערזאָרגט זיי שוין מיט אַלדאָס גוטס...

איך האָב טאַקי פון זיי קיין שטיצע נישט בעקומען, ווייל קיין בעשטימטע אַדרעס האבען זיי נישט און איך האָב זיי דעריבער נישט געקענט געפונען אויסער איינמאָל, ווען כ'בין געזעסען אין וואַלד מיט א געזעלשאַפט זענען צו מיר צוגעקומען 2 יודען, האבען זיך פאָרגעשטעלט אַלס מיטגלידער פון דער „סאַמאָפּאָמאָץ" און מיך „גאַביערעט" אויף 1 זלאָטע. פון דאַמאָלס אָן האָב איך זיי פאַר די אויגען נישט געזעהן...

קורץ, ווי איך האָב געקענט, האָב איך דעם זומער דאָרט אָדורכגעבראַכט און איצט בין איך געקומען אין שטאָדט אַריין.

— וואס קלערט איהר איצט צו טהון אין דער שטאָדט?—פרעג איך איהם.

— כ'וויל האַנדלען.

— האַנדלען ? מיט וואס וועט איהר האַנדלען?

— איך וועל האַנדלען מיט וואס עס וועט זיך נאָר מאַכען און דוקא אין טשענסטאָכאָווקע.

— דערבאַרימט אייך, איהר זענט דאָך א פאָטער פון עטליכע קינדער און זיי האבען נאָך צייט צו בלייבען יתומים...

— מאַכט אייך נישט נאַריש — ענטפערט מיר מיין שכן — טאַקע דערפאַר, ווייל מען לאָזט יודען דאָרט נישט האַנדלען, האָף איך דאָרט מיט גאָט'ס הילף, צו האבען פרנסה, וואָרום איהר מוזט פערשטעהן, אַז וואס ווייניגער יודען עס זענען פערהאַן אויף איין אָרט, אַלץ ווייניגער די ערשט קאָנקורענץ און אַזוי ווי אין טשענסטאָכאָווקע קאָנען קיין יודען לעת עתה נישט האַנדלען, וועל איך זיין דער איינציגער סוחר. וועגען כוליגאַנישע אָנפאַלען זאָלט איהר זיך נישט זאָרגען, ישראל יודעל, האט נאָך אַ קלאָרען שכל, מיך וועט מען נישט ריהרען קיין האָר אויפ'ן קאָפּ און אָט צוליעב וואס:

ווען איך האָב נאָך געוואוינט אויף דער יאַטקע גאַס, האָב איך געדאַווענט אין שטיבעל נר. . דאָרט האָב איך זיך בעקענט מיט'ן סטרוזש'ס שגץ, וועלכער האט שבת ביי מיר איינגעהייצט און אַראָבגענומען די לייכטער פאַרוואס איך האָב איהם אָפט מכבד געווען מיט א כוסה. אָט דער אַנטעק איז היינט א גאַנצער קנאַקער אין טשענסטאָכאָווקע, ער איז דאָרט א שטיק קאָמענדאַנט. טרעף איך איהם נעכטען אין גאַס און פרעג איהם, וואס ער מאַכט. און ער האָט מיר טאַקי געגעבען די עצה, אַז היות ווי ער איז מיט מיר גוטע פריינד, קאָן איך גאַנץ דרייסט געהן קיין טשענסטאָכאָווקע און אַז טאָמער וועט ער מיך בעגלייטען וועט קיינער נישט וואַגען קיין האַנד אויף מיר אויפצוהויבען און שטעלט אייך פאָר, איך האָב געמאַכט א פּרובע, האָב אַרומשפּאַצירט פראַנק און פריי און קיינער האָט מיך נישט געטשעפּעט, וועל איך מיר טאַקי נעמען יעדען טאָג אביסעל סחורה און אין דער בעגלייטונג פון אַנטעק'ן וועל איך מיר האַנדלען אונגעשטערט און מאַכען א פּאָר גילדען.

— און וואס וועט זיין, אַז ס'וועלען נאָך זיין אַזעלכע חכמים, ווי איהר. יעדער וועט זיך איינשאַפען אַזאַ אַנטעק און אַלע וועלען מעגען האַנדלען?

דאַמאָלס וועט זיין שלעכט, וועט עס טאַקע טויגען אויף כפּרות, דערווייל אָבער ביז וואס ווען, דאַרף מען אַריינכאַפּען.

איך האָב איהם אפילו געוואָלט אויפווייזען, אַז דאָס איז נישט קיין ריכטיגער וועג, אַז מיר טאָרען נישט שאַפען אַזאַ פּרעצעדענס, אַז דאָס איז געגען יודישען כבוד, וואָרום ס'וועט אויסקומען, אַז שפּעטער וועלען די זעלבע כוליגאַנעס מיינען, אַז מיר לעבען אין זייער זכות און אַז דאָס קאָן אויך צופיהרען דערצו, דאָס זיי וועלען ווערען די סוחרים און אונז מקפּח פרנסה זיין, נאָר כ'האָב עפּיס נישט געהאַט קיין הארץ איהם אַראָבצושלאָגען פון זיין פּלאַן, פון וועלכען ער איז געוואָרען אַזוי בעגייסטערט. איך האָב זיך אויך דערמאָנט, אַז מיין שכן האָט א גאַנצען זומער נישט פּערדינט קיין גראָשען און דאָ ריכט ער זיך א ליאַדע טאָג אויף אַנ'עקסמיסיע, האָב איך עס אָבגעלייגט אויף אַנ'אַנדערש מאָל און אָנגעהויבען צו בעריהרען אַנ'אַנדערע מהעמא.

— וואָס זאָגט איהר עפּיס — פרעג איך איהם — אויף אונזערע אַפּטייקער, אינטעליגענטען, אַדוואָקאַטען, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער שפּיץ פון דער כוליגאַנישער באַנדע און האָבען פּשוט געדינגען מעסער-העלדען, אַז זיי זאָלען שלאָגען און רויבען יודען. ווי קאָן מען זיין זיכער, אַז דער זעלבער אַפּטייקער, וועט מיר נישט געבען סם אַנשטאָט א רפואה.

—ווער הייסט דען אייך געהן צום אַפּטייקער, צו וואָס פאַר א כפּרות דאַרפט איהר איהם האָבען, אַנשטאָט אין דער אַפּטייק, געהט בעסער צו הערצ'ן, צו פיינישע'ן, צו אַלטמאַנען. דאָרט, ברודער, וועט איהר האָבען א בעסערע מעדיצין. זאָלען זיי זיך האַלטען זייערע רפואות מיט זייער סם פאַר אייגען געברויך...

ס'בעסטע וואָלט געווען, אַז מיר יודען זאָלען מאַכען א פּראָבע און א קורצע צייט כאַטש זיך בעגעהן אָהן זייער גוטהאַרציגקייט, וועט איהר זעהען ווי אַזוי זיי וועלען ענדערען דעם קורס. מיט יודען, אָבער — זאָגט ווייטער ישראל יודעל — וועט איהר נישט אויספיהרען. יודעלעך וועלען זיך דוקא שטיפּען דאָרט, וואו מען ווייזט זיי אַרויס אָפענע שנאה און זיי, די גוים, ווייסען דאָס. זיי זענען טאַקי שונאי-ישראלים דערפאַר, ווייל זיי רעכענען אויס, אַז זיי וועלען מעהר לייזען פון יודען, אויב זיי וועלען זיי פיינט האָבען...

---

איך האָב נאָכגעטראַכט וועגען ישראל יודעל'ס לעצטע רייד און האָב איינגעפונען, אַז ער איז טיילווייז גערעכט.

סמאַל.

## וועגען די לעצטע געשעהענישען אין אונזער שטאָדט.

די היינטיגע וואָך האָט געבּרענגט אַנ׳ענדערונג אין גאַנג פון די לעצטע אַנטי-יודישע געשעהענישען.

נאָכדעם ווי ס׳איז פרייטאג אויסגעפיהרט געוואָרען דער בלוטיגער אָנפאַל אויף׳ן יודישען מיטאַרבּייטער פון דער „סלאָוואָ״ דוד אַלטמאַן, בּעת וועלכען פלאָריאַן מאַרקאָווסקי האָט איהם שווער פערוואונדעט מיט א באַגנעט אין זייט, האָט די זיכערהייטס-מאַכט זיך ענערגיש גענומען צו ליקווידירען די פּוליגאַנישע בּאַנדעס און די איניציאַטאָרען פון דער גאַנצער אַנטי-יודישער העצע — די היגע ענדעקישע טהוער.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט די פּאָליציי פון פרייטאג אויף שבת אַרעסטירט עטליכע פּערציג פּערזאָן, דערונטער די פאַרשטעהער פון דער היגער פוילישער אינטעליגענץ, סוחרים, יוגענד און די מיטאַרבּייטער פון דער „גאַזעטאַ נאַראָדאָווא״.

נאָכ׳ן אָדורכפיהרען די געהעריגע אויספאָרשונג זענען אַ טייל פערהאַלטענע אַרויסגעלאָזט געוואָרען אויף דער פריי און די איבּריגע אַנ׳ערך 25 פּערזאָן זענען איבּערגעשיקט געוואָרען אין דער היגער טורמע.

דאָס זענען: דער פּרעזעס פון דער היגער ענדעקישער פאַרטיי פיאָטר קאָזערסקי, וויצע - פּרעזעס מאַגיסטער סטעפאַן ניעבּודעק, דער פערוואַלטונגס-מיטגליד יאַן דזשוויגאַלסקי, די מיטאַרבּייטער פון דער „גאַזעטאַ נאַראָדאָווא״ יאַן רוטקאָווסקי און האַנאַריוש קאַניעווסקי, זיגמונט פּזשיגאָדזקי, רישאַרד שטשענסני, די ברידער מאַקסימיליאַן, טאַדעאוש און וואַצלאַוו מאַזשיק, עדמונד גלינסקי, עאוזעביוש לייטנער, מיעטשיסלאַוו דאָבּאָש, סטאַניסלאַוו פּאָסילעק, פעליקס ראַק, וויטאָלד דאָמאַנסקי, טשעסלאַוו סטאַניסלאַווסקי, סטעפאַן יאַבּלאָנסקי, טאַדעאוש יורטשיק, סטאַניסלאַוו דעסקאָ, וולאַדיסלאַוו דיל, סטאַניסלאַוו זשילאַ, מיעטשיסלאַוו בּזשוכאַניאַ, אַדאַם געמבּיטש און פלאָריאַן מאַרקאָווסקי.

ס׳איז פעסטגעשטעלט געוואָרען, אַז יעדער פון די אַרעסטירטע האָט געהאַט זיין ספּעציעלע פונקציע אין דער אָרגאַניזאַציע און אַז די אָרגאַניזאַציע האָט געהאַלטען געצאָהלטע מענשען, וועלכע מ׳פלעגט בּענוצען אויסצופיהרען אוואַנטורעס און אַנטי-יודישע העצעס.

מיט׳ן גאַנג פון דער אויספאָרשונג האָט אָנגעפיהרט דער ספּעציעל אָהערגעקומענער פון פּיעטרקאָוו פּראָקוראָר פון קרייז-געריכט.

### אַדמיניסטראַטיוו בּעשטראָפט א רייהע אָנפאַלער.

פאַר אַרויסרופען די לעצטע אוואַנטורעס, האַקען שויבּען אין קראָמען און שלאָגען יודען, האָט דאָס סטאַראָסטווע-געריכט בּעשטראָפט אַדמיניסטראַטיוו די רעדאַקטאָרען פון דער „גאַזעטאַ נאַראָדאָווא״ יאַן רוטקאָווסקי און האָנאָריוש קאַניעווסקי, ווי אויך סטאַניסלאַוו פּאָסילעק, יאַן שימטשיק, די ברידער הענריק און מיעטשיסלאַוו קשעגזשיק, סט. קראַמער, מאַריאַן גאַווראָנסקי, מיעטשיסלאַוו קאָוואַלטשיק, מיכאַל קאָוואַלטשיק און עדוואַרד קלעשטשעווסקי, יעדען אויף 60 טעג אונבּעדינגטען אַרעסט.

פאַר דעמזעלבּען פערבּרעכען האָט דינסטאג דאָס סטאַראָסטווע-געריכט ווידער בּעשטראָפט אַדמיניסטראַטיוו.

צווישען די בּעשטראָפטע געפינען זיך: אירענאַ ווינקעוויטש און וועראָניקאַ זגאַדאַ (בּיידע אַלעע 48) אויף 1 חודש אַרעסט; יערעמיאַזש סטישינסקי (ראָך 37), מיעטשיסלאַוו קאָוואַלטשיק (סאָבּיעסקעגאָ 56), יאַן בּאַראַוויק (וואַראַנסקעגאָ 37), טשעסלאַוו יאַשעוויטש (בּור 6), וולאַדיסלאַוו בּאַיער (אָקולנאַ 26), מאַראַיאַן קאַוואַלטשיק (וויעלונסקאַ 4)— יעדער אויף 2 חדשים אַרעסט און צו בּעצאָהלען צו 5 זל. געריכטס-קאָסטען; פעליקס סמערדזשינסקי (ראָך 39), עדוואַרד קלעטשעווסקי און מיעטשיסלאַוו קאַוואַלטשיק (סאָבּיעסקעגאָ 56) — צו 14 טעג אַרעסט און צו 5 זל. געריכטס-קאָסטען.

### א זיצונג אין דער קהלה אין צוזאַמענהאַנג מיט די געשעהענישען.

זונטאג איז אין דער קהלה אָבּגעהאַלטען געוואָרען א ספּעציעלע זיצונג פון דער קהלה פערוואַלטונג, אויף וועלכער ס׳איז אויך אנוועזענד געווען דער רב ר׳ נחום אש און די אַדוואָקאַטען: קאַנאַרסקי, האַפּטקאַ, אַש און רייכמאַן,

עס זענען אַנגענומען געוואָרען געהעריגע בּעשלוסען, וואָס האָבּען דעם צוועק צו דערפיהרען, אַז ס׳זאָל צוריקגעשטעלט ווערען די לאַגע פון דער יודישער בּעפעלקערונג צו איהר נאָרמאַלען גאַנג.

### נייע אַרעסטען פון מיטגלידער פון דער ענדעקישער פאַרטיי.

בּעת דער לעצטער אויספאָרשונג האָט זיך אַרויסגעוויזען די נויטווענדיגקייט צו אַרעסטירען פערבּרעכערישע טהוער פון גרויספּוילישען לאַגער אויך פון אויסער טשענסטאָכאָוו און אין רעזולטאַט פון דעם זענען אין קאָסוּוו (טשענסטאָכאָווער פּאָוויאַט) פערהאַלטען געוואָרען, אויף׳ן פאַרשלאַג פון אויספאָרשונגס - ריכטער די מיטגלידער פון דער ענדעקישער פאַרטיי: דער פּאָליטעכניקום-אַבּסאָלווענט יעזשי גזשימעק און דער אייגענטימער פון גוט קאָסוּוו, יאַן בּאָגדאַנאָוויטש, וועלכע זענען אָהערגעבּראַכט געוואָרען נאָך טשענסטאָכאָוו, וואו זיי זענען איינגעזעצט געוואָרען אין אויספאָרשונגס-אַרעסט צו דער דיספּאָזיציע פון אויספאָרשונגס-ריכטער ה׳ מיללער.

פון דער אייגענער אויסאַרבּייטונג, וועלכעס איז זעהר געשמאַק.

דאַן ווערט דער עולם צוריק פערבּעטען אין עס - זאָל אריין, וואו זיי לעהנען זיך אונטער דאָס הארץ.

בּיי דער געלעגענהייט דעקלאַמירט העריליך פּרל. הינדע פון וואַרשאַ עטליכע אַרבּייטער-לידער.

דאַן ווערט געשאַפען א פּאַטראָנאַט פון עטליכע אַנוועזענדע און מיט׳ן געזאַנג פון „תחזקנה״ און אַנדערע אַרבּייטער - לידער ווערט די פייערונג פערענדיגט.

### פייערליכע תפילה לכבוד דעם אַנהויב פון נייעם שול-יאָהר.

פּערג. מאַנטאַג, 10 א זייגער אין דער פריה איז לכבוד דעם אָנהויב פון נייעם שול-יאָהר אָבּגעריכט געוואָרען א פייערליכע תפילה אין דער נייער סינאַגאָגע.

אין דער סינאַגאָגע האָבּען זיך פערזאַמעלט מיט זייערע לעהרער און פּאַהנען די שילער און שילערינס פון יודישען גימנאַזיום, פון דיר. אַקסער׳ס גימנאַזיום, די יודישע שילער פון די פּוילישע גימנאַזיעס, האַנדוועלקער - שולע, פּרל. וויינשטאַק׳ס שולע און פון די פּאָווּשעכנע שולע.

פון די קהלה-פאַרשטעהער זענען געווען אַנוועזענד: דער פּאַרזיצער פון ראַט ה׳ וועקסלער און דער דאַזאָר ה׳ וו. זשעריקער.

אויבּער-קאַנטאָר ה׳ פישעל האָט אין בּעגלייטונג פון כאָר פון די שילער פון די פּאָווּשעכנע שולען, אָבּגעריכט די געהעריגע תפילות און דאַן האַלט א רעדע מעניגאַ דיומאַ ד״ר ח. ז. הירשבּערג, נאָך וואָס דער קינדער-כאָר האָט געזינגען „יעשטשע פּאָלסקאַ״ און די „התקוה״.

### א דאַנסינג אין „מכבּי״.

מאָרגען שבת 9 אָווענד קומט פאָר אין אייגענעם לאָקאַל א דאַנסינג.

### פון זש. ט. ק.

שבת, דעם 26 ד. ח. 6 פריה קומט פאָר אַנ׳אויספלוג אין דער פאַבּריק „וואַרטאַ״.

אינפאָרמאַציעס ערטיילט דער סעקרעטאַריאַט פון דער געז.

גלייכצייטיג מעלדען מיר, אַז די מיטגלידער קענען געניסען פון 33 פּראָצ. בּאַהן-הנחות.

### שווערע בּעשולדיגונג געגען ה׳ שמואל ניעמיראָווסקי.

ווי מיר האָבּען שוין זייגער צייט איבּערגעגעבּען, איז דעם 21 מאַי ד. י. בּעת די יודישע שול-קינדער האָבּען מאַרשירט אין טאָג פון רויטען-קרייץ-צוזאַמענפליה פון דער שטאָדט-שוהל אין דער ערשטער אַלעע אריין, א שטאָדטישער אויטאָבּוס פון דער ליניע „בּע״ פלוצלינג בּיים ווינקעל נייער מאַרק און ערשטער אַלעע אריינגעפאָהרען צווישען דעם מאַרשירענדען קינדער-צוג, צווישען די קינדער איז ענטשטאַנען א געוואַלדיגע מהומה, זיי זענען זיך צולאָפען אויף אַלע זייטען און צום גליק איז קיינער פון זיי נישט איבּערגעפאָהרען געוואָרען.

אויף דער אונפאַראַנטוואָרטליכער האַנדלונג פון אויטאָבּוס-שאָפער עדמונד מוזשינאָווסקי, האָט דאַן געהעריג רעאַגירט ה׳ שמואל ניעמיראָווסקי און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט אָבּער האָט די היגע פּראָקוראַטור אויף׳ן גרונד פון די ערקלערונגען פון עטליכע קריסטליכע עדות פערפיהרט א פּראָצעס געגען ה׳ ניעמיראָווסקי, וועלכער ווערט בּעשולדיגט, אַז ער האָט בּעליידיגט דאָס פּוילישע פאָלק, אָנרופענדיג כלומרש׳ט דעם שאָפער „פּוילישע, חזיר׳שע מאַרדע״.

ה׳ ניעמיראָווסקי ערקלערט קאַטעגאָריש, אַז ער האָט דעם דאָזיגען אויסדרוק נישט בּענוצט און דורך דער פערמיטלונג פון אונזער צייטונג בּעט ער די פּערזאָנען, וועלכע זענען געווען אָנוועזענד בּעת׳ן דערמאָנטען פּאַרפאַל זיי זאָלען זיך מעלדען אַלס עדות צום דאָזיגען פּראָצעס.

### דראָזשקאַזש נר׳ 14 בּעפאַלען אַ יוד.

אונז איז שוין אויסגעקומען צו דערצעהלען די מעשים תעתועים פון דאָראָזשקאַזעס, וועלכע בּעפאַלען יודישע דורכגעהער און שלאָגען זיי מכת רצח.

די וואָך איז ווידער געשעהן אַזאַ פּאַרפאַל. ווען א יודישער הענדלער איז אָדורך דעם נייעם מאַרק איז דער אייגענטימער פון דער דראָזשקע 14 איהם בּעפאַלען און אָהן א פּאַרוואָס שטאַרק צושלאָגען. עס איז געוואָרען אַ געוואַלד, אַ צוזאַמענגעלויף און דער אָנגעקומענער פּאָליציאַנט האָט דעם כוליגאַן אָבּגעפיהרט אין קאָמיסאַריאַט, וואו עס איז צונויפגעשטעלט געוואָרען א פּראָטאָקאָל.

## צו דער יודישער בּעפעלקערונג!

דער פעראייניגטער קאָמיטעט צו בּעקעמפען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד בּעטראַכט אַלס זיין פליכט אויפמערקזאַם צו מאַכען די היגע יודישע בּעפעלקערונג, אַז דער בּאָיקאָט געגען היטלעריסטישען דייטשלאַנד דויערט נאָך ווייטער. די לעצטע ידיעות פון דייטשלאַנד זאָגען עדות, אַז די לאַגע פון די דאָרטיגע יודען פערערגערט זיך פון טאָג צו טאָג. אַלס תשובה דערויף האָבּען די יודישע וועלט-אָרגאַניזאַציעס בּעשלאָסען צו פערשאַרפען דעם ווירטשאַפטליכען בּאָיקאָט געגען דייטשלאַנד.

אין דער דאָזיגער פעראַנטוואָרטליכער און פאַר דעם יודענטום אונגעהויער פעראַנטוואָרטליכער שעה ווענדען מיר זיך צו דער היגער יודישער בּעפעלקערונג מיט דער אויפפאָדערונג זיך אָבּצוהאַלטען פון קויפען אין פערקויפען דייטשע סחורות. מיר זענען איבּערצייגט, אַז קיין שום יוד וועט נישט וואַגען צו בּרעכען דעם סאָלידאַרען און איינהייטליכען פראָנט און אַרויסטרעטען געגען דער געמיינזאַמער אַקציע פון גאַנצען יודענטום אין דעם אָבּוועהר-קאַמף געגען זיין בּלוטיגען שונא.

פון דער צווייטער זייט פאָדערן מיר אויף מיטצוטיילען דעם היגען קאָמיטעט וועגען יעדען פאַקט פון בּרעכען די סאָלידאַריטעט דורך איינצעלנע פּערזאָנען. מיר בּעטען אונז מיטצוטיילען די נעמען פון די אַלע, וועלכע ווילען קויפען אָדער פערקויפען דייטשע סחורות.

אייער שטיצע, טשענסטאָכאָווער יודען, וועט אונז זיכער נישט פעהלען! פון אייך איז אָבּהענגיג דער ערפאָלג פון אונזער אַקציע!

**פעראייניגטער קאָמיטעט צו קעמפען געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאַנד**

טשענסטאָכאָוו, אַלעע וואַלנאָשטשי 5—3.

## פייערליכע חגיגה אין דער גערטנער - פערמע.

פּערגאַנגענעם זונטאג איז אין דער גערטנער - פערמע פאַר פערבּעטענע געסט און פאַרשטעהער פון ציוניסטישע גרופּירונגען פאָרגעקומען אַ פייערליכע חגיגה אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן עפענען אַנ׳אייגענעם בּאַק-אויוון צו בּאַקען בּרויט.

אין דעם עס זאָל, וועלכער איז שעהן דעקאָרירט, זענען אויסגעשטעלט אַלע געוויקסען, ווי: קאַרטאָפעל, פּאָמידאָרען, אוגערקעס, בּלומען, קאָרן א. א., וואָס וואַקסען אין דער פערמע.

אַ פאַרשטעהער פון קיבּוץ בּעגריסט די געסט און דערצעהלט וועגען די אויפגאַבּען פון קיבּוץ און דעם שווערען וועג, וועלכען די חלוצים מאַכען אָדורך.

דאַן בּעגריסט אין נאָמען פון דער קהלה ה׳ ש. קאַץ, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע—ה׳ דר. בּראַם, וועלכער מאַכט א פאַרוואורף פאַרוואָס עס געפינט זיך נישט אין זאַל אויך דאָס בּילד פון שעפער פון פּאָליטישען ציוניזם דר. הערצל, פון מזרחי—ה׳ ש. גאָלדשטיין, וועלכער ווידערהאָלט אין א געוויסער מאָס דעם זעלבּען פאָרוואורף, פון פועלי ציון — ה׳ סאַק, התאחדות — ה׳ גערשאַנאָוויטש. דאַן בּעגריסען נאָך פערשידענע פאַרשטעהער פון: פרייהייט, גורדוניה, השומר הצעיר״, החלוץ, הנוער הציוני, ד״ר לאָזער א. א.

דאָס לעצטע וואָרט נעמט ה׳ זאַבּלודאָווסקי, וועלכער האַלט אַ קורצע רעדע וועגען די אויפגאַבּען פון די חלוצים און ווענדעט זיך מיט א הייסען אַפּעל צו די אַלע אָנוועזענדע, אַז זיי זאָלען געבּען די חלוצים אַרבּייט אין זייערע פאַבּריקען.

מיר זענען נישט קיין אָנהענגער פון פילאַנטראָפּיע—זאָגט דער רעדנער—נאָר מיר ווילען אַרבּייטען, כדי צו קאָנען אָדורכמאַכען די הכשרה. ער דערציילט אויך וועגען אַ גרופּע חלוצים, וועלכע האָבּען נישט געפונען קיין אַרבּייט אין טשענסטאָכאָוו, זענען זיי אַוועק ק״ין זאַגלעמביע, ווי אויך אין קראָקאָווער געגענד, זוכען אַרבּייט.

דער דירעקטאָר פון יודישען געז. גימנאַזיום ד״ר ליליען האַלט דאַן אַ קורצע בּעגריסונג אין העבּרעאיש און איז מכבד מיט׳ן איבּערשניידען די בּאַנד דעם ה׳ גאָלדשטיין.

די בּאַנד ווערט איבּערגעשניטען און דער עולם לאָזט זיך אריין אין דער בּעקעריי. די חלוצים הויבּען דאַן אָן זינגען א״י לידער און זיי טאַנצען א „הוירא״.

די בּעקעריי איז זעהר בּעשיידען, אָבּער ציכטיג און היגיעניש אויסגעפּערטיגט, דער עולם פערזוכט בּרויט

**טנדריך איז פערשוואונדען!**
מיין פערעלטערטער היהנער - אויג (אָטשיסק)
ווייל „לעבּעוואָהל״
איז א איינגעוועהנליך מיטעל.
פאָרערט אין אַלע אַפּטייקען און אַפּט-סקלאַדען
**LEBEWOHL**
אינלענדישע אויסאַרבּייטונג.

**נידער מיט אונזערע שונאים!**
קאַראַקוכען, פּרוסאַקען און ענליכע ווערים
דאָס זענען די פּע־שפּרייטער פון פערשידענע, אַנשטעקענדע קראַנקהייטען. מען מוז זיי גרונדליך אויס־אָטען נאָר מיט דער הילף פון בּעסטען ראַדיקאַלען מיטעל, וואָס פערפיהרט נישט אין דאָס איז
**FLURIN**
פאָדערען אין אַלע אַפּטייקען און אַפּטייק-סקלאַדען.

**UWAGA!** Chemiczna Pralnia i Farbiarnia **UWAGA!**
**„KRYSZTAŁ"**
w Częstochowie, Ber. Joselewicza 2 (dawn. Ogrodowa 15).
Przyjmuje do chemicznego czyszczenia i farbowania wszelką garderobę. Stosując się do obecnego kryzysu gospodarczego, obniżyliśmy ceny:
za garnitur **5** zł., za płaszcz **5** zł., sukienki od **2** ch zł. oraz do prania bielizn ęwszelkiego rodzaju.
ZA KOŁNIERZYK Z POŁYSKIEM WIEDEŃSKIM **14** GR.
ZA KOSZULE " " **50** "
Specjalność: Farbujemy kurtki skórzane.
Zapewniając najsolidniejsze wykonanie, polecam się uwadze Sz. Klijenteli.
Z poważaniem
**Chemiczna Pralnia i Farbiarnia „KRYSZTAŁ".**

**Kino „LUNA"**
dawniej „Grand"
קאָשטשושקי גאַס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

**BLASKI i CIENIE MIŁOŚCI**
אין דער הויפּט-ראָל דער אונפערגלייכליכער פון „דר. דזשעקל און מר. הייד״ **פרידריק מאַרטש.**
איבּער׳ן פּראָגראַם: פּאַראַמאונט-וואָך.
שבּת און זונטאָג האַלבּ 1 פון 30 בּיז 49 גר. **NOCNE SĄDY**

קלאַנג-קינאָ
**„Stylowy"**
אַלעע 27.
לעצטער סעאַנס 9-30 אָווענד.

**Adjutant Jego Wysokości**
הערליכער פילם. גערעדט און געזינגען אויף טשעכיש מיט׳ן בּערימטסטען טשעכישען אַרטיסט אין דער פרעהליכער קאָמעדיע
אין דער טיטול-ראָל — **וולאַסטאַ בּוריאַן.**
פּאַקס-קלאַנג-וואָך אַלס איבּער-פּראָגראַם.
שבת און זונטאָג האַלבּ 1 **„יעדער מעג ליעבּען״** מיט דימשאַ און זשימינסקאַ. קרוזעלאָ 49 גר.


Redaktori wydawca: B. Bocian — Druk. B. Bocian, Aleja 6